יוצא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

גליון

# באור החיים

פרשת וישלח - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ח

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' **חיים פנחס צוויבל** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **יוסף** ב"ר **יעקב אשר** ע"ה
יארצייט ביום כ"ב כסלו - עש"ק וישב הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יוסף חיים ניימאן** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### העולם הזה הוא פרוזדור לעולם הבא

**עם לבן גרתי.**

פרש"י הק' לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר, פי' שלא התיישבתי בעולם הזה כשר וכתושב, אלא כגר, ועל ידי זה "תרי"ג מצות שמרתי" יכולתי לשמור כל המצות, ולעמוד בכל הנסיונות בבית לבן.

ואפשר לרמז בזה, שהאדם צריך לזכור תמיד, כי לא בא לעולם הזה להתיישב כאן, והעולם הזה לא שייך לו, ואין זה מקום מושבו אלא הוא כאורח שבא לעיר לקנות שם מה שצריך, כדי שיוכל לחזור לעירו שהוא מקום מושבו, כן ירדה נשמת האדם לעולם הזה כדי להעלות ניצוצי הקדושה, ולקיים תורה ומצות כדי לקנות לו לעולם הבא, ועל ידי זה יוכל לחזור למקום מושבו, תחת כסא הכבוד שמשם נלקחה להיות תושב בעולם הבא.

(פתג"ק וישב)

### יעקב ניצל מעשיו ומלבן ע"י כח התורה שלמד בבית שם ועבר

**וישלח יעקב מלאכים לפניו.**

פירשו בספרים הקדושים דיש מלאכים בבחינת פנים, שהם מלאכים גבוהים מאד, והם נבראים מתורה ומצות, ומלאכים כזה שלח יעקב לעשו כדי לשבר כוחו, ובכוחותם הרמה התגברו על עשיו, כמה דכתיב להלן בפרשתן (כ"ט י"א) וישקהו ויבך, ופירש"י הק' "אמר רשב"י הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו", ולכאורה האיך יכול להיות דבר כזה שנכמרו רחמיו של עשיו לאהוב את יעקב בכל לבו, אלא זה היה בכח המלאכים הזה שנבראו על ידי התורה והעבודה של יעקב.

וכן על ידי הכח התורה היה יכול לילך לבית לבן, לינשא ולרעות את הצאן, ולתקן שם ניצוצות הקדושות, ולהיות שם עשרים שנה, ולצאת משם בשלום בלי פגם, והכל היתה על ידי כח התורה שלמד מקודם י"ד שנה בבית עבר וגם שם בבית לבן למד תורה, וזהו שאמר המדרש בסוף פרשת ויצא על הפסוק (ל"ב ב') ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכים אלקים, שהיה לו ק"כ רבוא מלאכים, ששים רבוא מימינו וששים ריבוא משמאלו, זה היה מלאכים שנבראו מכח התורה ומלאכים זה שלח ג"כ לעשיו.

(שפ"ק ויצא)

### בני ישראל הם חלק אלוה ממעל לכן אפשר לשוב בתשובה

**ויקרא לו אל אלקי ישראל.**

דרשו חז"ל ומובא ברש"י הק', מלמד שהקב"ה קרא לו ליעקב אל, והיינו מפני חלק אלוה ממעל המושרש בקרבו, וכן דרשו חז"ל על הפסוק (דברים ל"ג כ"ו) אין כאל ישורון, אין כאל, ומי כאל, ישורון, היינו שבני ישראל נחשבים כהקב"ה כביכול, וכל זה מפני חלק אלוה ממעל המושרש בתוך כל בר ישראל, שחלק אלוה הזה משתוקק להבטל ולהיכלל בתוך אור אין סוף ב"ה, כמו שכתוב (תהלים פ"ד ג') נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה' לבי

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**ונא אל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם, איך זאל נישט האלטן אז א מענטש געבט מיר עפעס, כי אם לידך המלאה, נאר איך זאל אנערקענען אז אלעס איז פונעם אייבערשטן.** (שפת"ק בהר -א')

## ביים דאווענען דארף מען האבן א דעת צלולה ומיושבת

ויירא יעקב מאוד ויצר לו, ויחץ את העם אשר אתו וגו', פרש"י הק' התקין את עצמו לשלשה דברים לדורון לתפלה ולמלחמה.

זענען די מפרשים מדייק, וויאזוי קען זיין אז יעקב אבינו די בחיר האבות האט עוסק געווען קודם מיט השתדלות בדרך הטבע, צו מחלק זיין את העם אשר אתו, און נאר נאכדעם האט ער זיך געשטעלט דאווענען, ער וואלט דאך די ערשטע זאך געדארפט דאווענען צום אייבערשטן בעת צרתו.

זענען די תלמידי הבעש"ט הק' מבאר, אז באמת איז יעדע צער און עגמת נפש וואס קומט פאר א מענטש, איז נאר כדי ער זאל נתעורר ווערן דורכדעם צו מתפלל זיין צום אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער איז מתאווה צו הערן די תפילות פון אידישע קינדער, און איינמאל דער מענטש איז מתפלל צום אייבערשטן ווערט ער גלייך געהאלפן בישועה שלימה, אזוי ווי חז"ל זאגן (יבמות סד.) מפני מה היו אבותינו עקרים, מפני שהקב"ה מתאווה לתפלתן של צדיקים.

אבער כדי א מענטש זאל קענען מתפלל זיין צום אייבערשטן, דארף זיין דעת זיין צלולה ומיושבת, אזוי ווי צדיקים זענען מפרש אז פארדעם ווערט תפלה אנגערופן צלותא, ווייל פארן דאווענען דארף א מענטש האבן א דעת צלולה, אזוי ווי חז"ל זאגן (מגילה כח עב) שמעתא בעא צילותא כיומא דאסתנא, ופרש"י הק' צילותא, דעת צלולה ומיושבת שאינו טרוד בכלום מחשבה, און אזוי דארף א מענטש אויך זיין ביים דאווענען, און וועגן דעם איז ראוי אז א מענטש זאל קודם טוען עפעס א השתדלות בדרך הטבע און זיין צרה, כדי דורך דעם זאל ער זיך בארואיגן און מיישב זיין זיין דעת, און דורך דעם וועט ער קענען מתפלל זיין בדעה צלולה און געהאלפן ווערן בכח התפלה, און כדי צו לערנען דעם וועג לדורות עולם האט יעקב אבינו ווען ער האט מורא געהאט פון די צרה פון עשיו הרשע, האט ער געטוען מתחלה עפעס א השתדלות צו מיישב זיין זיין דעת און צו מיישב זיין די דעת פון די מענטשן מיט אים, ווייל די צרה איז נישט געווען נאר מיט אים, נאר אויך מיט די קינדער וואס זענען געווען מיט אים, וועגן דעם האט ער צוטיילט די מחנה לשתי מחנות, וואס דורך דעם וועט ער קענען מתפלל זיין בצלילות הדעת און בכח התפלה ניצל ווערן מידי עשיו.

(עבודה פתגמ"ק)

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

ובשרי ירננו אל אל חי, וזהו שאמרו מי כאל, ישורון, כי ישורון הוא מלשון שירה, כי זהו טבעו של יהודי, שמשתוקק לומר שירה, כי זהו להודות ולהלל לשמו יתברך בתורה ותפלה, ולכלות נפשו אל אין סוף ב"ה.

וזהו שאמרו חז"ל ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, רצה לומר אע"פ שחטא והגביר על עצמו חלקי הרע והכוחות הרעים, עם כל זה הרי ישראל הוא, וכיון שהוא מזרע ישראל, הרי מושרשת בו נשמה קדושה שהיא חלק אלוה ממעל ממש, לכן בכל מקום ובכל מצב שעומד, אפשר לו לשוב בתשובה שלימה.

(דב"ק וישלח)



# דברות קודש
## מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
### אצל דינער השנתי לטובת התלמוד תורה בית יוזא דקריתינו הקדושה
מוצש"ק ויצא העל"ט — באולם בית צירל

חשוב'ע קינדער פונעם אייבערשטן, חשוב'ע קינדער פונעם הייליגן צדיק רבינו הקדוש זי"ע, און חשוב'ע קינדער פון די אבות הקדושים.

די וואך איז די סדרה רעדט מען פון די אבות הקדושים, "מעשה אבות סימן לבנים". וואס קענען מיר זיך ארויסלערנען א מעשה אבות וואס איז א סימן לבנים.

ווערט געברענגט, אז די פעלקער האבן געפרעגט אבנימוס הגרדי און בלעם בן בעור - זיי האבן געהייסן די גרעסטע פילאסאפן - האבן די גוים געפרעגט פון זיי, צו זאלן אונז שעלטן די אידן, צו זאל מען זיי טשעפענען, אונז ווילן זיי שעלטן, צו זאל מען עס טאקע טון, האבן זיי געענטפערט אז זיי זאלן גיין אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות, אויב זיי וועלן זען די תינוקות של בית רבן מצפצפין בקולם, זיי טוען דאווענען, זיי לערנען, זאלט איר זיי נישט טשעפענען. פארוואס, ווייל זיי זענען שטערקער ווי ענק. זיי האבן נאך די ברכה פון זייער זיידן יצחק אבינו, וואס ער האט געבענטשט יעקב אבינו, וואס פון אים קומען די שבטי קה, אז "הקול קול יעקב, והידים ידי עשו".

איז דא א מדרש: "בזמן שהקול קול יעקב, אין הידים ידי עשו". פרעגן די תלמידי בעל שם טוב, עס שטייט דאך נישט אזוי, עס שטייט "הקול קול יעקב והידים ידי עשו", עס שטייט נישט "אין", "בזמן שהקול קול יעקב אין הידים ידי עשו". זאגט דער הייליגער מאור ושמש, עס שטייט "הקול קול יעקב והידים ידי עשו", ווען איז דאס? ווען דער "קול" איז נישט גאנץ. מען גיט א קוק אריין אין די תורה, זעהט מען אז דער ערשטער "הקול" איז חסר, עס שטייט "הקל", אן א ו'. דער צווייטער קול שטייט יא מיט א ו'. זאגט ער, ווען דער "קול" איז "קל", ווען דער קול איז גרינג, דעמאלטס איז הידים ידי עשו, ווען דער קול איז אבער שטארק מיט א ו', אן אנגעפילטע קול, דעמאלטס איז אין הידים ידי עשו, ס'קען נישט שולט זיין.

טייערע אידן, איך זאג פאר מיר, איך וואוין דא אין דעם זעלבן שטאט ווי ענק. דער קול פון אונזער תלמוד תורה, די קינדערלעך, איז זייער זייער שטארק. יעצט דארף מען מאכן די מעשה אבות סימן לבנים. אז מ'וויל זען א סימן לבנים, אז די קינדער זאלן זיך האלטן שטארק, דארף עס זיין מיט א אנגעפילטע קול, די עלטערן דארפן אויך זיין שטארק. אז די עלטערן זענען שטארק, זענען די קינדער שטארק.

איך בין נישט דא צו פאנדרעיזן פאר די תלמוד תורה, אבער איך וויל ארויסברענגען די וויכטיגקייט. קינדער היינט דארפן סייעתא דשמיא איבעראל, אין די גאנצע וועלט, אלעמאל, אבער היינט איבערהויפט. די וועלט בוזשעוועט ארום, מ'דארף אסאך סייעתא דשמיא. אויב טוט מען הקול קול יעקב, מיט א אנגעפילטע קול, דעמאלטס איז אין הידים ידי עשו, אז מ'דארף זיך נישט שלאגן מיט עשו? ניין, נישט דאס מיינט עס. עשו איז דער יצר הרע, דער יצר הרע זאל נישט שולט זיין נישט אויף די קינדער, נישט ביי אונז אין שטוב, און נישט ארום און ארום אין די גאנצע שטאט.

פאדערט מען די זאך, די הקול קול יעקב זאל זיין שטארק, און דאס וועט אריבער גיין צו די קינדער אויך. דאס מיינט מעשה אבות סימן לבנים. די וואכעדיגע פרשיות רעדט מען דאך פון דעם, די אלע זאכן וואס די תורה דערציילט אונז פון יצחק און יעקב, איז דאך אלעס איבערגעלאזט פאר אונזער גלות, אונז זאלן זיך קענען האלטן. זיי האבן זיך געהאלטן אין זייערע צייטן, און עס איז געווען שווער, און היינט איז אוודאי' און אוודאי' שווער. אבער מ'דארף געבן עפעס, מ'דארף טון מער ווי מ'קען. מיין הייליגער טאטע רבי רבינו הקדוש זי"ע פלעגט צו זאגן, ווען א איד איז אריינגעקומען, האט דער רבי אים געבעטן געלט, האט ער געזאגט "רבי, איך קען נישט", האט דער רבי געזאגט "אז דו קענסט, איז דאך קיין שום קונץ נישט".


איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
קול רנה וישועה
באהלי צדיקים
בהדרת קודש ויראה עילאה, ברשפי אהבה החקוקים על לוח לבינו, קול מברכים נרימה, בברכת כל ברכאן דלעילא ותתא ומזלא טבא, אל מול פני הקודש, אבינו רועינו, מחמד נפשינו, נזר תפארתינו
כבוד קדושת מרן
רבינו עטרת תפארת
ראשינו שליט"א
לרגל השמחה השרוי' במעונו הקודש
בנישואי נכדתו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת


בבית בנו הרה"צ רבי אברהם יהודה סג"ל שליט"א
עב"ג החתן הרב אלימלך שליט"א בן הרה"צ ישעי' בעריש לאנדא שליט"א
בן אב"ד עדעלין קערעסטיר שליט"א - חתן אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א
תיערב ברכותינו הדיוטות, שמשמחת בית צדיקים זו יושפע שפע רב והשפעות ממקור הקדושה, במדה גדושה, וימים על ימי מלך תוסיף שנותיו, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, נחת והרחבת הדעת מיוצאי חלציו פרי קודש הילולים, זרע ברך ה', ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים, לנהלנו ולהדריכנו על דרך הקודש, ולהשפיע לנו ממקור מים חיים, להתהלך לפני אלקים באו"ר החיי"ם, עדי נזכה שיוליכנו לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
- גליון באור החיים - להתאחד בחורי אנ"ש - קול איחוד טאהש -
חברה ש"ס - מתאחדת בלעטל - טעלעפאון ביכל - פרנסה ביחד
בשם כל הקהל הקודש

ווען א מענטש קען, גיט ער. ווען מ'קען נישט און מ'גיט, דעמאלט איז א סימן אז מ'מיינט עס אמת'דיג. יעדער איינער, ברוך השם, מ'טוט צו שטייער געבן, מ'טוט צו העלפן, מ'זאל ווייטער העלפן. מ'זאל שפירן איין זאך: מ'גיט נישט פאר יענעם, מ'גיט פאר זיך. הקול קול יעקב, ווען דער קול קומט מיט א מסירות נפש, דאס הייסט עס איז א פולע קול, פון דעם טאטן, גייט עס אריבער צו די קינדער. ס'שפירט זיך, אזוי פירט זיך עס אין הימל, אלע יארן האט זיך עס געפירט אזוי, אז ווען א טאטע שטרענגט זיך אן פאר די קינדער, זעט ער פירות פון זיי.

מ'דארף דאך האבן סייעתא דשמיא. זאל יעדער איינער בעטן. יוחנן מענדלאוויטש האט מיר געבעטן אז איך זאל בעטן, און געבן דברי ברכה. וואס קען איך געבן א ברכה, פאר דברי ברכה, איך קען ענק געבן א 'זאך' פאר א ברכה, דבר איז אויך טייטש א זאך. איך געב ענק א זאך פאר א ברכה.

אידישע קינדער, שטרענגטס ענק אן, העלפטס צו, מאכטס גרינג פאר די מענטשן. ס'איז זייער שווער אויף דער וועלט די מצב הפרנסה, קודם בכלל ארום די וועלט, און נאכדעם פאר אונזערע חשוב'ע מלמדים איז אויך זייער שווער. ס'קאסט אלעס זייער טייער, ס'איז אלעס זייער ממש פאר זייער לעבן. דארף מען צוהעלפן. זעטס דעם קול קול יעקב, דער קול זאל זיין פול מיט א מסירות נפש, וועט דער אייבערשטער ענק צוריק באצאלן אויך מלוא חפניים, נחת פון די קינדער, השפעות טובות, פאר זיך, און פאר די שטוב. מען וועט קענען נאכדעם פרעגן אין שטוב: "נו, ס'האט זיך געלוינט?" דאס זאל מען פרעגן אין שטוב, נישט וויפיל מען זאל געבן, מ'זאל פרעגן צו ס'האט זיך טאקע געלוינט.

און אזוי וועט עס זיין, אז מען וועט טון א אתערותא דלתתא וועט דער אייבערשטער טון א אתערותא דלעילא, ביז מען וועט זוכה זיין, אז מ'זאל אויפבויען די קינדער'לעך אז זיי זאלן זיין יראים ושלמים, און זוכה זיין צו גיין אנטקעגן משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.



# א ווארט צום שבת טיש

געקלי'בענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ויירא יעקב מאוד ויצר לו.

קען זיין פשט דא אין פסוק, אז עס האט ווי-געטון פאר יעקב אבינו אז ער האט מורא, מ'דארף דאך מורא האבן נאר פונעם אייבירשטן, דעריבער האט ער געזאגט, הצילני נא מיד אחי מיד עשו כי ירא אנכי אותו, אויב איך האב נאך מורא פון עשיו, זעה איך דערפון אז איך בין נאכנישט בתכלית השלימות, דעריבער מוז איך בעטן "הצילני נא".

(אורח לחיים)

### ואתה אמרת היטב אטיב עמך.

דער אייבערשטער גיבט גוט'ס פאר צדיקים און אויך פאר רשעים, פאר צדיקים גיבט דער אייבערשטער גוטס פאר די צדקות, אבער פאר רשעים גיבט דער אייבערשטער גוט'ס כדי אז אויף יענער וועלט זאל ער גארנישט באקומען.

דאס האט יעקב אבינו געזאגט "היטב" דו זאלסט טוהן גוטס, אבער "איטיב" אז עס זאל זיין גוט פאר מיר, נישט חס ושלום א מין גוט'ס וואס רשעים באקומען.

(קדושת לוי)

### ויאמר עשו יש לי רב.

עשו האט געזאגט "יש לי רב", איך האב אסאך, אבער יעקב האט געזאגט "יש לי כל", איך האב אלעס, ווייל עשו וויפיל ער האט געהאט איז ער נישט געווען צופרידן, ממילא האט ער נישט געקענט זאגן "יש לי כל" איך האב אלעס, ווייל ער וויל דאך מער, אבער יעקב אבינו האט געזאגט, "יש לי כל" איך האב אלעס, ווייל ער איז געווען א "שמח בחלקו", וואס ער האט געהאט, איז געווען מער ווי ער האט געדארפט

(כלי יקר)

### ויאבק איש עמו.

די גמרא אין מסכת חולין (דף צא.) ברענגט א מחלוקת וויאזוי דער שר של עשיו האט אויסגעזעהן ווען ער האט זיך באוויזן צו יעקב אבינו, רבי שמואל בר נחמני זאגט אז דער מלאך האט אויסגעזעהן ווי א גוי, רב שמואל בר אחא זאגט אז דער מלאך האט אויסגעזעהן ווי א תלמוד חכם, לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז א נפקא מינה וויאזוי דער מלאך האט אויסגעזעהן.

נאר מען קען עס מסביר זיין, לוי ווי דער מדרש זאגט אז יעקב אבינו האט געהאט צוויי חטאים, איין חטא אז ער האט חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטער'ס, אבער באמת האט יעקב אבינו געהאלטן אז אין חוץ לארץ האט ער נאך א דין ווי א בן נח, וואס אויף זיי איז נישט חל די איסור פון ב' אחיות.

דער צווייטער חטא איז געווען אז די אלע צוויי און צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן, האט ער נישט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם, אבער באמת האט יעקב אבינו געהאלטן אז וויבאלד גדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אב ואם, דעריבער איז ער פטור פון די מצות כיבוד אב ואם.

דאס קען זיין פשט אין די מחלוקת, רבי שמואל קומט זאגן אז וועגן דעם האט זיך דער מלאך געשלאגן מיט יעקב, צוליב די איסור פון ב' אחיות, און דאס אז יעקב האט געהאלטן אז ער האט א דין ווי א בן נח, איז נישט אויסגעהאלטן, ווייל ווי יעקב איז נאר געווען, איז די שכינה דארט געווען, ממילא האט דאס געהאט א דין ווי ארץ ישראל, דעריבער איז דער מלאך געקומען אין א געשטאלט פון א גוי, מרמז צו זיין פאר יעקב, אז זיין תירוץ אז ער האט א דין בן נח איז נישט אמת.

רב שמואל בר אחא, האט געהאלטן אז דער מלאך איז געקומען אין א געשטאלט פון א תלמוד חכם זיך שלאגן מיט יעקב, צוליב די חטא פון מבטל זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, ווייל יעקב האט געהאלטן אז ער האט א דין ווי א תלמוד חכם, און עס גייט אן ביי אים דער דין פון גדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אב ואם.

(חתם סופר)

## א מעשה אויף די פרשה

### ויתר יעקב לבדו - שכח פכים קטנים (רש"י הק').

ווען דער לעמבערג'ער גאון איז אויסדערוועלט געווארן אלס דער רב אין די שטאט, האט ער דעם ערשטן שבת אפגעראכטן א גרויסע קידוש, און בשעת די קידוש האט ער געהערט ווי די בעלי בתים שמועסן צווישן זיך, "די נייע רעבעצין האט שוין נישט געטראפן קיין קלענערע גלעזלעך אנצוגרייטן"

האט זיך דער רב אנגערופן מיט א שמייכל, פארוואס מיינט איר איז יעקב אבינו צוריקגעגאנגען אויף די אנדערע זייט טייך, צוליב די פאר קליינע גלעזלעך? נאר, יעקב אבינו האט געוואוסט אז ס'קומען אים אנטקעגן פיר הונדערט סאלדאטן פון עשיו, און ער וועט זיי אלע דארפן אנטרינקען, פון וואו וועט ער האבן אזויפיל משקאות פאר זיי, דעריבער איז ער צוריקגעגאנגען נאך די קליינע גלעזלעך, אזוי ארום וועט ער האבן גענוג, אלע וועלכע האבן געהערט דעם רב'ס רייד האבן באלד פארשטאנען דעם רמז. ודפח"ח.

### ויאבק איש עמו - הוא שרו של עשו (רש"י הק').

אנמאל איז געקומען אן ארימאן צום הייליגער צאנזער רב זי"ע און זיך באקלאגט אז ער האט שוין א טאכטער אין די יארן, און ער האט גארנישט אויף חתונה הוצאות, האט אים דער צאנזער רב געשיקט צו א געוויסן גביר פון זיינע חסידים מיט אן המלצה בריוו אין וועלכן ער בעט אים צו געבן דעם איד א גרויסן סכום געלט.

ווען דער גביר האט געליינט דעם בריוו און געזען די סומע וואס דער צאנזער רב פארלאנגט פון אים, האט ער זיך גענומען דינגען און גע'טענה'ט: דאס איז צו א גרויסער סכום, אפשר איז גענוג אביסל ווייניגער? דער ארימאן האט בשום אופן נישט געוואלט און געזאגט אז דער הייליגער רב הייסט געבן דעם דאזיגן סכום. זיי האבן זיך געקריגט א שטיק צייט, און דער ארימאן איז אוועק מיט גארנישט.

ווען ער איז צוריק געקומען קיין צאנז און דערציילט פארן דברי חיים וואס עס האט פאסירט, האט ער אים געגעבן אן אנדערן בריוו צו א צווייטן גביר אין אן אנדערע שטאט, און ווען יענער האט געליינט וואס דער צאנזער רב שרייבט אים, האט ער אים תיכף געגעבן דעם געפאדערטן סכום.

ווען דער ערשטער חסיד איז שפעטער געקומען צו פארן קיין צאנז האט אים דער הייליגער צאנזער רב געפרעגט: פארוואס אין פרשת וישלח אויפן פסוק "ויאבק איש עמו" זאגט רש"י: "הוא שרו של עשו", און אין פרשת וישב אויפן פסוק "וימצאהו איש" זאגט רש"י: "זה גבריאל", ביי ביידע שטייט דאך נאר דאס ווארט "איש"?.

נאר האט אים דער דברי חיים אויסגעפירט אויב א ארימאן קלאפט אין טיר און בעט מען זאל אים ארויסהעלפן, און יענער הייבט זיך אן צו ראנגלען און זיך מתווכח זיין און וויל נישט ארויסהעלפן, דער קען זיכער נאר זיין "שרו של עשו". אבער אויב דער גביר פרעגט: "מה תבקש", און העלפט אים ארויס, דער קען שוין זיין מלאך גבריאל.

# ותן טל ומטר לברכה

אזוי ווי מען האט שוין אנגעהויבן דעם פרייטאג צו זאגן ביי די ברכה פון ברך עלינו "ותן טל ומטר לברכה", דעריבער האבן מיר געשריבן די הלכות וואס זענען שייך ווען איינער פארגעסט צו זאגן "ותן טל ומטר".

### א
## שאלה: ווען איינער האט געענדיגט די גאנצע שמונה עשרה, און דערמאנט זיך אז ער האט נישט געזאגט "ותן טל ומטר לברכה"?

**תשובה:** אין אזא פאל דארף מען נאכאמאל איבער דאווענען גאנץ שמונה עשרה. און איידער מען הייבט אן די שמונה עשרה, דארף מען ווארטן אזוי לאנג וויפיל עס געדויערט צו גיין פיר איילן "כדי הילוך ד' אמות" (מ"ב סימן ק"ה ס"ק ג').

צי מען דארף זאגן "ה' שפתי תפתח"

דער משנה ברורה (סימן קי"ד ס"ק כ"א) שרייבט אז מען דארף נישט זאגן "ה' שפתי תפתח" פאר מען הייבט אן די צווייטע שמונה עשרה, (וכ"כ בכה"ח ס"ק ט"ו, לפי"ז י"ל דא"צ לפסוע ג' פסיעות, דהפסיעות של תפלה הא' עולה גם לתפלה הב', ובערוה"ש (סימן קי"ד סעיף ח') כתב שיש לומר "ה' שפתי תפתח", ונראה דאם נזכר אחר שפסע ג' פסיעות, דלכו"ע יאמר "ה' שפתי תפתח").

### ב
## שאלה: אויב מען דערמאנט זיך ביים סוף "ברך עלינו"?

**תשובה:** מען דארף צוריק גיין צו "ותן טל ומטר לברכה" און מען זאגט נאכאמאל "ושבענו מטובה" און ווייטער, און מען דארף נישט צוריק גיין צו אנהייב "ברך עלינו" (מ"ב סימן קי"ז ס"ק ט"ו).

די זעלבע הלכה איז, אויב מען האט שוין געזאגט "ברוך אתה", און מען דערמאנט זיך פאר מען האט געזאגט דעם שם פון די סיום הברכה, זאל מען צוריק גיין צו "ותן טל ומטר לברכה", און ווייטער ממשיך זיין די ברכה.

און אויב מען האט שוין געזאגט "ברוך אתה ה'" זאל מען ווייטער זאגן "מברך השנים", און תיכף זאגן "ותן טל ומטר לברכה", אדער ביי שמע קולינו, אזוי ווי באלד ערקלערט, (ולא יתקן את עצמו באמירת "למדינו חוקיך" ויחזור ל"ותן טל ומטר", כיון שיכול לתקנו אח"כ או בשומע תפלה).

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

### ג
## שאלה: אויב מען דערמאנט זיך נאכדעם וואס מען האט געזאגט "מברך השנים", פאר מען האט אנגעהויבן "תקע בשופר"?

**תשובה:** רוב פוסקים האלטן אז מען זאל דארט זאגן, "ותן טל ומטר לברכה", און גלייך ממשיך זיין "תקע בשופר". (מג"א, שוע"ה, דרך החיים, חיי"א, ועוד).

און טייל פוסקים האלטן אז מען זאל דאס זאגן ביי די ברכה "שומע תפלה" (קיצוש"ע, מ"ב, שלחן הטהור קאמארנא).

וויאזוי זאל מען טון למעשה

אזוי ווי עס קען זיך מאכן אז ביז מען וועט אנקומען צו שמע קולינו, וועט מען דאס דארט נאכאמאל פארגעסן צו זאגן, איבערדעם זאל מען דאס יעצט זאגן פאר "תקע בשופר".

און אויב מען האט זיך אביסל פארזוימט נאך מברך השנים, און נאכדעם האט מען זיך דערמאנט, זאל מען דאס זאגן ביי שמע קולינו, וויל לויט טייל פוסקים קען מען דאס שוין מער נישט זאגן פאר תקע בשופר, וויבאלד מען האט געמאכט א הפסק.

### ד
## שאלה: אויב מען דערמאנט זיך נאכדעם וואס מען האט אנגעהויבן "תקע בשופר", אדער אינמיטן די אנדערע ברכות פון שמונה עשרה?

**תשובה:** אויב מ'האט זיך דערמאנט נאכדעם וואס מען האט שוין אנגעפאנגן צו זאגן "תקע בשופר", אפילו מען האט געזאגט נאר די ווארט "תקע", און אוודאי אויב מען דערמאנט זיך אינמיטן די אנדערע ברכות, זאל מען ווייטער זאגן ביז "שמע קולנו", און פאר מען זאגט די ווערטער "כי אתה שומע תפלת כל פה", זאל מען זאגן "ותן טל ומטר לברכה" כי אתה שומע וכו'.

### ה
## שאלה: אויב מען דערמאנט זיך אינמיטן שמע קולינו?

**תשובה:** אויב מען דערמאנט זיך אינמיטן "שמע קולינו" זאל מען זאגן "ותן טל ומטר לברכה על פני האדמה" פאר מען זאגט די ווערטער "כי אתה שומע" אזוי ווי פריער דערמאנט, און אויב מען האלט שוין נאך "כי אתה שומע", אפילו מען האט שוין געזאגט "ברוך אתה" זאל מען דאס גלייך זאגן, און צוריק גיין צו "כי אתה שומע".

און אויב מען דערמאנט זיך ווען מען האט שוין געזאגט "ברוך אתה ד'" פון שמע קולנו, און מען האט נאך נישט געזאגט "שומע תפלה", זאל מען גלייך זאגן "למדינו חוקיך", און תיכף דערנאך זאל מען זאגן "ותן טל ומטר לברכה על פני האדמה" - "כי אתה שומע תפלת כל פה", און מסיים זיין נאכאמאל די ברכה, און ענדיגן די שמונה עשרה.

און אויב מען האט זיך דערמאנט ווען מען האט שוין מסיים געווען "שומע תפלה", פאר מען האט אנגעהויבן צו זאגן "רצה", זאגט מען דארט "ותן טל ומטר לברכה על פני האדמה", און מען איז ממשיך גלייך "רצה" וכו'.

### ו
## שאלה: אויב מען דערמאנט זיך נאכדעם וואס מען האט שוין אנגעהויבן רצה, אדער ביי די אנדערע ברכות ?

**תשובה:** אויב מ'האט שוין אנגעהויבן צו זאגן אפילו נאר דאס ווארט "רצה", דארף מען צוריק גיין צו אנפאנג ברכה "ברך עלינו", און איבער זאגן פון דארט די אלע ברכות נאכאמאל.

און דער דין איז די זעלבע אפילו ווען מ'האלט אינמיטן א ברכה למשל אינמיטן מודים, אדער שים שלום, דארף מען גלייך

מפסיק זיין, אפילו אינמיטן א פסוק, און צוריק גיין צו די ברכה "ברך עלינו".

און אויב מען דערמאנט זיך אינמיטן "אלקי נצור", אויב מען האט נאך נישט געזאגט "יהיו לרצון" גייט מען צוריק צו אנהייב ברך עלינו, אבער אויב מען האט שוין געזאגט "יהיו לרצון", דארף מען צוריק גיין צום אנהייב שמונה עשרה.

## ז
## שאלה: איינער וואס איז מסופק צי ער האט געזאגט "ותן טל ומטר".

**תשובה:** אויב איינער האט געענדיגט שמונה עשרה, און ער איז מסופק צי ער האט געזאגט "ותן טל ומטר", אויב עס איז נאך אין די ערשטע דרייסיג טעג, דארף מען איבער דאווענען שמונה עשרה, ווייל אין די ערשטע דרייסיג טעג גייט דער מענטש מיט זיין געוואוינהייט, דעריבער נעמט מען אן אז ער האט מסתמא נישט געזאגט "ותן טל ומטר" (אשל אברהם סימן קי"ז ס"ד כתב שצריך לחזור אפילו כשנוטה יותר שאמר, דמכלל ספק לא יצא).

און אויב דער ספק איז נולד געווארן אינמיטן די שמונה עשרה, האט עס די זעלבע הלכות אזוי ווי מען האט זיכער פארגעסן, און מען דארף צוריק גיין לויט ווי מיר האבן אויבן געשריבן.

## ח
## שאלה: אויב מען האט אינזין געהאט פאר שמונה עשרה אז מען גייט זאגן "ותן טל ומטר", און למעשה איז מען מסופק?

**תשובה:** אויב נאכן דאווענען ווערט מען מסופק צי מ'האט געזאגט "ותן טל ומטר", ווענדט זיך: אויב בשעת'ן דאווענען האט מען אינזין געהאט אז מ'גייט זאגן "ותן טל ומטר", און דער ספק איז נולד געווארן אסאך נאכן דאווענען דארף מען נישט איבער דאווענען, אבער אויב דער ספק איז נולד געווארן תיכף נאכן דאווענען דארף מען יא איבער דאווענען (מ"ב סימן קי"ד ס"ק ל"ח).

## ט
## שאלה: אויב מען דאווענט איבער צוליב א ספק, און אינמיטן איבער דאווענען דערמאנט מען זיך אז מען האט יא געזאגט, וואס זאל מען טוהן?

**תשובה:** אויב איינער האט איבער געדאווענט שמונה עשרה, ווייל ער האט געמיינט אז ער האט פארגעסן צו זאגן, און למעשה דערמאנט ער זיך אז ער האט יא געזאגט, טאר ער נישט ממשיך זיין, נאר ער דארף גלייך מפסיק זיין אפילו אינמיטן א ברכה, און זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

אזוי אויך אויב ער איז צוריק געגאנגען צו "ברך עלינו", און ער דערמאנט זיך אז ער האט יא געזאגט, למשל ער האט געהאלטן אינמיטן מודים, און ער איז צוריק געגאנגען צו ברך עלינו, און ווען ער האלט אינמיטן "על הצדיקים" דערמאנט ער זיך אז ער האט יא געזאגט "ותן טל ומטר", דארף ער מפסיק זיין ווי ער האלט, און צוריק גיין צו אנהייב מודים.

## י
## שאלה: פרויען וואס פארגעסן צו זאגן "ותן טל ומטר" דארפן אויך איבער דאווענען?

**תשובה:** עס איז א קלער אין די פוסקים, אויב א פרוי האט פארגעסן צו זאגן "ותן טל ומטר", אדער זי איז מסופק אין די דרייסיג טעג צו זי האט געזאגט, צי זי האט די זעלבע הלכות ווי א מאן, ווייבאלד פרויען זענען נישט מחויב צו דאווענען שמונה עשרה יעדן טאג.

להלכה נעמט מען אן: אז א פרוי וואס האט זיך אונטער גענומען צו דאווענען יעדן טאג, דארף איבער דאווענען און זי האט די הלכות אזוי ווי א מאן, אבער א פרוי וואס דאווענט נישט בקביעות, איז נישט מחויב איבער צו דאווענען, און אויב זי דאווענט איבער תבוא עליה ברכה.

**באמערקונג**

עס איז וויכטיג אז ווען מען הייבט אן צו זאגן "ותן טל ומטר" זאלן די מענער אנזאגן אינדערהיים, אז פון היינט אין ווייטער דארף מען זאגן "ותן טל ומטר לברכה", ווייל עס קען דורך גיין א לאנגע צייט וואס זיי זאלן בכלל נישט וויסן אז מען דארף דאס זאגן, און עס קומט אויס אז זיי האבן בכלל נישט יוצא געווען מיט די אלע שמונה עשרה'ס וואס מען האט געדאווענט ביז מען פאררעכט זיך.

## יא
## שאלה: אויב מען איז מסופק צי מען האט געזאגט נאך דרייסיג טעג?

**תשובה:** נאכדעם וואס עס איז שוין דורך דרייסיג טעג, און מען איז מסופק צי מען האט געזאגט "ותן טל ומטר", דארף מען נישט איבער דאווענען, ווייל נאך דרייסיג טעג נעמט מען אן אז מען האט יא געזאגט "ותן טל ומטר".

### איינער וואס האט נישט געדאווענט יעדן טאג

עס איז א מחלוקת הפוסקים וואס איז די הלכה ווען עס איז שוין דורך דרייסיג טעג, אבער מען האט נישט געדאווענט יעדן טאג, קומט אויס אז מען האט נאך נישט געזאגט ניינציג מאל, צי זאגט מען אז מען דארף ווארטן ביז עס וועט דורך גיין ניינציג תפלות, אדער עס גענוג דרייסיג טעג, אפילו מען האט נישט קיין ניינציג תפלות, להלכה נעמט מען אן אז נאך דרייסיג טעג דאווענט מען נישט איבער אפילו מען האט נישט געדאווענט ניינציג טעג.

די הלכה איז אקטועל ביי פרויען וואס דאווענען נישט יעדן טאג אלע תפלות, און זיי האבן נישט קיין ניינציג תפלות, פונדעסטוועגן אויב זיי האבן א ספק נאך דרייסיג טעג, כאטש אין די דרייסיג טעג, אויב זיי ווילן איבער דאווענען תבוא עליהם ברכה אזוי ווי אויבן דערמאנט, אבער נאך די דרייסיג טעג טארן זיי נישט איבער דאווענען, אפילו אויב מען וויל.

**באמערקונג**

עס וואלט געווען א גוטע עצה, אז דער וואס ווייסט אז ער האט נישט געדאווענט אלע תפלות אין די דרייסיג טעג, למשל א חולה א.ד.ג., אז ער זאל זיך איינחזר'ן די ווערטער "ותן טל ומטר לברכה" ביז ניינציג מאל, וואס דעמאלטס גייט מען ארויס פון אלע ספיקות.

מאמר חדש בענין:

# מצות קידוש החודש בזמן הזה

## מנהג ברכת החודש כזכר ודוגמא בלבד למצות קידוש החודש בימי סנהדרין

נוהגים בני ישראל לברך את החודש בשבת הקודמת לראש חודש, ומכריזים ראש חודש פלוני יהיה ביום פלוני, והוא מנהג הרגיל בכל מחנות קהל עדת בני ישראל.

המגן אברהם (סי' תיז ס"ק א) מזכיר אודות ענין זה, וכותב בשם היראים (השלם, סי' רנט) כי מה שמברכים את החודש אינו קידוש החודש, ואינו אלא הכרזה להודיע להעולם מתי הוא ראש חודש. מכל מקום מסיים המגן אברהם (שם) וכותב, כי בכל זאת נהגו העולם לעמוד בעת הכרזת יום ראש חודש, מאחר והוא דוגמת קידוש החודש שנעשה בעמידה, על כן לזכר הדבר עומדים בעת ההכרזה, על אף שאינו שייך כלל לקידוש החודש.

בפשטות הדברים נראים פשוטים ומיותרים, שהרי דבר פשוט הוא שאין כל קידוש החודש בברכת החודש הנהוגה בזמנינו, וכי מה קידוש החודש יהא בדבר, אך לאמיתן של דברים, כמו שנברר בסייעתא דשמיא, יתכן עד מאד הדבר שהינם מקדשים בזה את החודש, באופן שאינו דוגמא וזכר לקידוש החודש, אלא שהוא עצמו הוא קידוש החודש, וכמו שנבאר ברצות ה'.

יסוד הדברים נעוץ במחלוקת הרמב"ם והרמב"ן, אשר נרחיב במאמר הזה, ומתוך הדברים יתבארו צדדי השיטות בזה.

## דברי הרמב"ם על קביעת החדשים בזמן הזה על פי החשבון

כתב הרמב"ם (פ"ה מקידוש החודש ה"א): "כל שאמרנו מקביעות ראש החדש על הראייה ועיבור השנה מפני הזמן או מפני הצורך, אין עושין אותו אלא סנהדרין שבארץ ישראל, או בית דין הסמוכים

# מועדני התורה

לברר וללבן נושאים ועניינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

בארץ ישראל, שנתנו להן הסנהדרין רשות, שכך נאמר למשה ולאהרן (שמות יב, א) החדש הזה לכם ראש חדשים, ומפי השמועה למדו איש מאיש ממשה רבינו שכך הוא פירוש הדבר, עדות זו תהיה מסורה לכם ולכל העומד אחריהם במקומם, אבל בזמן שאין שם סנהדרין בארץ ישראל אין קובעין חדשים ואין מעברין שנים אלא בחשבון זה שאנו מחשבין בו היום".

## קידוש החודש על פי הראיה בתקופת התנאים ותחילת ימי האמוראים

בסיום דבריו מזכיר הרמב"ם כי בזמנינו אין קובעים את החדשים ואין מעברים את השנים אלא על פי החשבון שאנו נוהגים בו היום. וכאן ראוי לייחד הערה נחוצה אודות חשבון זה ומחברו.

בפי העולם שגור, כי מי שערך את הלוח וחשבונו, הוא הלל, והגם אמנם שהדבר אמת הוא, אך אין הכוונה להלל הזקן שהיה תנא, כי הלל הזקן היה באמצע ימי מקדש שני, ובאותם הימים קידשו על פי הראיה, כך שלא היה כל צורך לחשב את חשבון בלוח ולייסדו. ולא זו בלבד, אלא קידוש החודש על פי הראיה נמשך לאורך כל תקופת התנאים, אף אחר חורבן הבית, ותנאים רבים כרבי עקיבא ורבי שמעון בר יוחאי ורבי יהודה הנשיא, שהיו כולם אחר חורבן הבית לא הזכירו מאומה אודות חשבון הלוח, מה שבאמת לא היה קיים עוד בימיהם, הואיל וקידשו על פי הראיה.

גם בתקופה מאוחרת ממנה, הלא היא בתקופת האמוראים, גם כן אין אנו מוצאים בש"ס כל עדות על קיומו של חשבון הלוח אם כבר הי', ולעומת זאת ישנם בדברי הגמרא משמעויות שונות כי עדיין קידשו את החודש על פי הראיה אף בזמן האמוראים, אם כי זה אינו בהכרח, אך ישנם משמעויות לדבר.

## חישוב המולדות וסידור הלוח על ידי הלל: זמנו ומטרתו

אודות תקופה זו למדים אנו מדברי הרמב"ם כאן, שכותב (פ"ה מקידוש החודש ה"ב): "ודבר זה הלכה למשה מסיני הוא, שבזמן שיש סנהדרין קובעין על הראייה, ובזמן שאין שם סנהדרין קובעין על חשבון זה שאנו מחשבין בו היום ואין נזקקין לראייה". וכותב עוד (ה"ג): "ומאימתי התחילו כל ישראל לחשב בחשבון זה, מסוף חכמי תלמוד בעת שחרבה ארץ ישראל ולא נשאר שם בית דין קבוע, אבל בימי חכמי משנה וכן בימי חכמי תלמוד עד ימי אביי ורבא, על קביעת ארץ ישראל היו סומכין".

מבואר מתוך דברי הרמב"ם, כי עד לימי אביי ורבא, עדיין היתה תורה מצויה בארץ ישראל, לא הוצרכו לתיקון הלוח וייסודו, שהצורך של סידור חשבון הלוח הוא, מאחר שכל זמן שהי' בארץ ישראל בית דין סמוכים שיכלו לקדש את החודש על פי הראיה, נקבע הדבר בידיהם לקדש את החודש על פי הראיה, ולכן במשך תקופת התנאים שרובם ככולם היו בארץ ישראל, וגם בתחילת תקופת האמוראים, שהיו בעלי תורה רבים בארץ ישראל, כרב ושמואל שהיו תחילה בארץ ישראל ובהמשך עקרו לבבל, וכן רבי יוחנן וריש לקיש ובית מדרשם, על כן מאחר וסמוכים היו עד למשה רבינו, היה ביכלתם לקדש את החודש, ועל כן לא היה כל צורך לייסד חשבון הלוח בכדי לידע את מועדי השנה וראשי החדשים.

אמנם לאחר תקופת רבי יוחנן וריש לקיש, נחלשה תורת ארץ ישראל באין בה יושב, ושוב לא היו גדולי תורה מצויים בה, על כן לא היה בה בית דין סמוכים שיוכלו לקדש על פי הראיה, אז קבעו את חשבון הלוח, וכדברי הרמב"ם שהוא בזמן שחרבה ארץ ישראל, שהיה למעשה תקופה מאוחרת לחורבן הבית, כי חורבן ארץ ישראל היינו בהיפסק בה לומדי התורה גדולי הדור, שהיו אחר תקופת רבי יוחנן וריש לקיש.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

### ויראי יעקב

הרה"ק רבי אליעזר'ל מ'קאמארנא זי"ע איז אמאל געווען ביים הייליגן שם שלמה פון מונקאטש זי"ע בעת ער האט אפגעראכטן א סעודת ראש חודש, און זיי האבן צוזאמען געשמועסט במשך'ן סעודה, אינמיטן האט די שם שלמה געבעטן פון ר' אליעזר'ל אז ער זאל דערציילן עפעס א מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין טאטע ר' אייזיק'ל מ'קאמארנא, א מעשה וואס עס שטייט נישט געדריקט אין זיינע ספרים.

האט ער דערציילט אז זיין זיידע הרה"ק רבי אברהם מרדכי מ'פינטשוב זי"ע, איז אמאל געפארן אויף בארדיטשוב צום הייליגן קדושת לוי (כידוע שהיה משמש בכמה וכמה צדיקים) אויף א שיינע פאר וואכן, און ווען עס איז געקומען פאר פסח, איז ער אריין זיך געזעגענען און ער האט געזאגט, אז ער דארף שוין אהיימפארן אויב ער וויל נאך אנקומען פסח אהיים צו זיין משפחה, אבער ער האט געהערט אז לעצטנס האט זיך די געגענט צוטיילט אויף צוויי אנדערע לענדער און ער דארף האבן פאפירן אריבער צו פארן און ער האט נישט קיין פאפירן, האט אים דער בארדיטשובער געזאגט, "נו איך וועל דיר שוין געבן א פאס".

ווען ער האט געהאלטן גלייך פאר'ן ארויספארן איז ער נאכאמאל אריין צום קדושת לוי, און דער קדושת לוי האט גענומען א פאפיר, און געמאכט א קליין פינטעלע אינמיטן פונעם פאפיר, און דאס איינגעקנייטשט, און אים עס אהינגעגעבן, און אים אנגעוואונטשן צו פארן לחיים ולשלום.

ווען מען איז אנגעקומען צום גרעניץ האט מען גענומען אלע פאפירן פון יעדן, און ווען מען איז אנגעקומען צו אים האט מען אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט, האט ער געענטפערט אברהאם הארוויטץ און מען האט אריינגעטראגן אלע פאפירן צו באקוקן, און נאך אפאר מינוט איז די גוי' צוריק ארויסגעקומען אויסטיילן די פאפירן פאר יעדן, און ווען ער איז אנגעקומען צו מיר האט ער געזאגט אז די שר רופט מיר אריין אינעווייניג.

און רבי אברהם מרדכי האט געפרעגט פון זיין איידעם ר' איציק'ל "וואס קלערסטו אייזיק'ל, כ'האב מיר אפילו אביסל געפארכט, הגם כ'האב געהאט אמונה אבער אויך ביי יעקב שטייט ויירא יעקב שמא יגרום החטא", אבער כ'האב מיך גלייך מחזק געווען און איך האב דערמאנט די נאמען לוי יצחק בן שרה סאסע, און איך האב אריינגעוואקט צום שר, ווען די שר האט מיר געזעהן האט ער זיך אויפגעשטעלט פאר מיר, און געפרעגט ווער איך בין, האב איך אים געזאגט אז איך בין א ראבינער, האט ער געזאגט עס קען נישט זיין און ער האט מיר איבערגעפרעגט און איך האב אים געענטפערט די זעלבע זאך, האט ער מיר געפרעגט, אויב אזוי ווי אזוי קען זיין אז איך האב אזא נאנטע קשר מיט'ן מלך אז איך האב א חתימה פון אים, און ער וויזט מיך די כתב און איך זעה נאר א פינטל אבער די שר האט געזעהן דארט די חתימה פונעם מלך.

האט מיר די שר געפרעגט וואס איך וויל ער זאל מיך צושטעלן, האב איך געטראכט אז די גאולה קען ער סייווי נישט צושטעלן, אבער למעשה יאג איך מיר אביסל אהיים אויף פסח, האט ער געבעטן די שר זאל אים צושטעלן א פערד און וואגן אהיים צו פארן.

ווען רבי אברהם מרדכי איז אנגעקומען אהיים האט ער וואועקגעלייגט דעם כתב פונעם בארדיטשובער, טראכטנדיג אז עס גייט נאך זיכער אמאל צונוץ קומען.

רבי אברהם מרדכי'ס גאנצע משפחה זענען געווען מתנגדים נאר ער איז געווארן מקורב לחסידות, איינמאל האט אים איינער פון זיינע קרובים א גרויסער תלמיד חכם געפרעגט, אז איך זעה דו ביסט דאך יא א יראת שמים, איז וואס זעהסטו אין ביי די חסידים, האט אים ר' אברהם מרדכי געזאגט אז ער זאל קומען מיט אים ער וויל אים עפעס וויזן, און ער איז גענאנגען אפיר זוכן דעם צעטיל, און ער האט עס נישט געקענט טרעפן, האט ער פארשטאנען אז דאס איז מעשה שטן אז ער זאל נישט קענען מקרב זיין זיין קרוב צו חסידות.

ווען רבי אליעזר'ל האט געענדיגט צו פארציילן דעם מעשה, האט די שם שלמה אויסגעפירט, "וויפיל טובות האט די שר של מעלה געבעטן פון די בארדיטשובער פאר די חתיימה", האט ר' אליעזר'ל זיך אנגערופן אז איך האב דאס אויך געטראכט, אבער למעשה זענען אונז סייווי אין גלות אונטער די שרי מעלה פון די מדינת העמים, אבער אזוי האט כאטשיג די זיידע געקענט אנקומען אהיים אויף פסח.



# הרה"ק רבי ר' ברוך ממעזיבוז זי"ע

**דעם קומענדיגן מאנטאג וישב, ח"י כסליו הבעל"ט געפאלט אויס די יומא הילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק רבי ר' ברוכ'ל מ'מעזיבוז, רבי ברוך בן רבי יחיאל מיכל זי"ע.**

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל איז געבוירן אין יאר תקי"ג לפ"ק, צו זיינע חשוב'ע עלטערן הרה"ק רבי יחיאל מיכל זי"ע, און הרבנית הצדיקת אדל ע"ה, א טאכטער פונעם הייליגן בעל שם טוב הק'.

רביה"ק זי"ע דערציילט אז ווען רבי ר' ברוכ'ל איז געבוירן געווארן האט זיין זיידע דער בעשטה"ק זיך אויסגעדריקט איפ'ן קינד: "דאס קינד איז א חידוש, דאס קינד איז א פלא". ווי וואונדערליך עס איז, האט זיך אמאל רבי ר' ברוכ'ל זעלבסט אנגערופן אויף זיך, "איך בין א אדם השלם".

דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל איז אלט געווען בלויז זיבן יאר ווען זיין גרויסער זיידע דער בעשטה"ק איז נסתלק געווארן, אבער ביזן הסתלקות - נאך זייענדיג אין א יונגן עלטער - פלעגט רבי ר' ברוכ'ל כסדר פארברענגען מיט'ן בעשטה"ק, און מקבל געווען פון אים פילע אוצרות התורה, וואו רבי ר' ברוכ'ל איז געווען מורא'דיג באליבט ביים בעשטה"ק.

נאך די פטירה פונעם בעשטה"ק, פלעגט דער בעשטה"ק זיך אנטפלעקן צו זיין אינגע אייניקל, און פלעגט מיט אים לערנען.

רבי ר' ברוכ'ל פלעגט אויך לערנען ביי רבי פינחס'ל מקאריץ זי"ע, ביי רבי ר' בער ממעזריטש זי"ע, און ביי רבי יעקב יוסף מפולנאה זי"ע, וועלכע אלע פון זיי האבן ארויסגעוויזן א קענטיגע הערצה אויף אים.

ער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע, און נאכ'ן פטירה האט ער זיך מסתופף געווען ביי הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויטעבסק זי"ע. אין יאר תקל"ז ווען רבי מענדעל'ע וויטעבסקער איז ארויפגעפארן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, האט זיך רבי ר' ברוכ'ל באזעצט אין שטאט טולטשין, און דארט אנגעהויבן פירן זיינע חסידים, עטליכע יארן דערויף האט ער זיך געצויגן קיין מעזיבוז, וואס דאס האט צוגעשלעפט מיט זיך הונדערטער חסידים, וואס האבן געדארשט צו הערן מזיו תורתו וקדושתו.

רבי ר' ברוכ'ל איז געווען באוויסט פאר א צדיק הדור, אלעס וואס ער האט געזאגט אדער גע'פסק'נט איז אנגענומען געווארן ביי אלע צדיקים, און יעדער איז געפארן צו אים און ארויסגעוויזן א ספעציעלע ליבשאפט און שעצונג, ווי רביה"ק זי"ע דרוקט זיך אויס: "אלע האבן זיך געשפיגלט אין אים". אפילו צדיקים וועלכע זענען געווען עלטער פון רבי ר' ברוכ'ל זענען געקומען צו אים און זיך מתבטל געווען פאר אים, א שטייגער ווי דער הייליגער מאור עינים זי"ע, וואס טראץ זייענדיג עלטער פון אים מיט ארום צוואנציג יאר, פלעגט ער פארן צו רבי ר' ברוכ'ל.

רבי ר' ברוכ'ל האט געשטורעמט די וועלט מיט זיין גרויסע קדושה, און האט באלויכטן די וועלט מיט זיין עבודה וועלכע איז צוגעגאנגען מיט א למעלה מן הטבע'דיגע פארשטאנד.

אמאל האט רבי ר' ברוך געבעטן ביי פתיחת הארון "ולהוי אנא עבדך פקידא בגו צדיקיא", רבש"ע העלף מיר אז איך זאל זיין דער ראש פון אלע צדיקים. ומי יעמוד בסוד דבריו הק'. אבער אין ווארהייט זעהט מען אז עס איז טאקע אזוי געווען, ארייקוקנדיג אין עבודת עבודה (שיח"ק ח"ב) זעהט מען ווי רביה"ק פאראארבעט און רעדט גאר שטארק ארום איבער די גרויסע התבטלות וואס די צדיקים האבן געהאט צו רבי ר' ברוכ'ל.

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ח כסלו | הרה"ק רבי ברוך בן רבי יחיאל זי"ע - מ'מעזיבוז | תקע"ב |
| י"ט כסלו | הרה"ק רבי דוב בער בן רבי אברהם זי"ע - המגיד מ'מעזריטש | תקל"ג |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"ז כסלו | הרבנית הצדיקת פרידא מילכה ז"ל בת הרב מנחם מענדל זצ"ל<br>מחברתו הטהורה של רביה"ק זי"ע בזיוו"ש | תשפ"ג | |
| כ"ב כסלו | הרב החסיד ר' יוסף בן ר' יעקב אשר ע"ה צוויבל | תשנ"ח | ביה"ח בבני ברק |

דער צדיק איז נסתלק געווארן י"ח כסליו תקע"ב לפ"ק, און איז געקומען למנוחת עולמים אין שטאט מעזיבוז, סמוך ונראה צום ציון הק' פון זיין זיידע דער הייליגער בעשטה"ק זי"ע, און נעבן דער הייליגער אפטא'ער רב זי"ע, און דער הייליגער דגל מחנה אפרים זי"ע.

## תורה פון הימל

רבי ר' ברוכ'ל פלעגט מקבל זיין תורה פון הימל, אזוי ווי די אידן האבן מקבל געווען די תורה פונעם בארג סיני.

ווען רבי ברוכ'ל האט געזאגט תורה האבן אסאך מאל די חסידים נישט פארשטאנען וואס רבי ר' ברוכ'ל זאגט, נאר ער פלעגט איבערזאגן די סתרי תורה וואס ער האט געהערט אין הימל.

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז רבי ברוכ'ל געווען אין א געוויסע שטאט אויף שבת פרשת בחוקותי, עס זענען זיך צוזאמגעקומען א שיינע צאל חסידים צו ווילן אויף שבת בצילו פון רבי ר' ברוכ'ל, און צווישן זיי איז אויך געווען הרה"ק מסאווראן זי"ע. שבת ביינאכט ביי די סעודה האט רבי ר' ברוכ'ל געזאגט דברי תורה 42 פשטים אויפ'ן ווארט "בחוקותי", אזוי ווי עס איז דא 42 פשטים פונעם הייליגן אור החיים הק'. נאכ'ן טיש האבן די חסידים אינאיינעם מיט'ן סאווראנער איבערגע'חזר'ט די 42 פשטים כדי מ'זאל עס נישט פארגעסן.

שבת אינדערפרי ביים סעודה האט רבי ר' ברוכ'ל ווידער געזאגט 42 פשטים אויפ'ן ווארט "בחוקותי" און די חסידים האבן אינאיינעם איבערגע'חזר'ט אלע פיר-און-אכציג פשטים אויפ'ן ווארט "בחוקותי" וואס רבי ר' ברוכ'ל האט געזאגט דעם שבת כדי צו עס קענען אראפשרייבן נאך שבת. קומענדיג מוצאי שבת, ווען זיי האבן אנגעהויבן אראפצושרייבן די פשטים, האבן אלע חסידים פארגעסן די אלע פיר-און-אכציג פשטים פון רבי ר' ברוכ'ל, און קיינער האט זיך נישט געקענט דערמאנען.

דער הייליגער סאווראנער זי"ע איז געווארן דערפון מורא'דיג צובראכן, און איז אריין צו רבי ברוכ'ל און זיך אויסגעוויינט אז אלע חסידים האבן פארגעסן וואס דער רבי האט גע'דרש'נט אויפ'ן ווארט בחוקותי, און זיכער קומט דאס צוליב זיינע זינד. רבי ר' ברוכ'ל האט תיכף געזאגט פאר'ן סאווראנער ער זאל נישט זיין צובראכן, ווייל די פיר און אכציג פשטים וואס איך האב געהאט געזאגט שבת איז נישט געזאגט געווארן צו פאראייביגן, נאר שבת איז דאס מיר אנטפלעקט געווארן פון הימל צו עס איבערזאגן אויף די וועלט, אבער אצינד דארף דאס פארגעסן ווערן...

## אליהו הנביא איז זיך מתגלה דורכ'ן ווערן אין כעס

רבי ר' ברוכ'ל האט גאר אסאך אויפגעטון מיט זיין וואונדערליכע מידת הכעס מיט וואס ער פלעגט זיך פירן.

ער פלעגט זיך קענען אויפפירן צו מענטשן כאילו ער איז בכעס, און אפט מאל פלעגט ער שרייען אויף זיינע ארומיגע, און דערמיט פלעגט ער פועל'ן הויכע ענינים.

אמאל האט פאסירט אז דער הייליגער רבי משה צבי מ'סאווראן זי"ע איז געקומען צו רבי ר' ברוכ'ל, אבער רבי ר' ברוכ'ל אנשטאט אים אויפנעמען, האט ער זיך אנגעהויבן צו כעס'ן אויף אים אויף א מורא'דיגע שטארקע אופן, און רבי משה צבי מסאווראן איז ארויס פונעם צימער פון רבי ר' ברוכ'ל, ארויסגייענדיג האט ער באגעגנט אליהו הנביא וואס איז דאן אריין צו רבי ר' ברוכ'ל, האט רבי משה צבי מסאווראן פארשטאנען פארוואס רבי ר' ברוכ'ל האט זיך גע'כעס'ט אויף אים, ווייל דורך דעם האט רבי ר' ברוכ'ל פאראורבעט אז אליהו הנביא זאל קומען צו אים.

תיכף דאן איז רבי משה צבי מסאווראן אריבער צום הייליגן רוזשינער זי"ע, און ער האט אים פארציילט וואס ער האט יעצט מיטגעהאלטן ביי רבי ר' ברוכ'ל, אז דורכדעם וואס ער האט זיך גע'כעס'ט האט ער באוויזן אליהו הנביא זאל קומען צו אים, האט דער רוזשינער פרובירט נאכצוטון די עבודה פון רבי ר' ברוכ'ל, אבער עס איז אים נישט געלונגען צו פועל'ן וואס ער האט געוואלט. ווען רביה"ק זי"ע האט פארענדיגט דערציילן די מעשה האט ער געזאגט: "אונז דערמאנען מיר נאר דאס ברמז, ווייל די מעשה זענען גאר טיפע ענינים".

## ואהבת את ה' אלוקיך בכל לבבך

ווען מ'האט אמאל אריינגעברענגט א מאכל צום רבי ר' ברוכ'ל, האט ער זיך אויסגעדרוקט, "דער מאכל האב איך ליב". תיכף האט רבי ר' ברוכ'ל צוריקגעצויגן און געזאגט: "חלילה אז איך פארמאג א ליבשאפט צום מאכל, איך האב ליב דעם באשעפער, און איך בין סובל דעם מאכל".

האבן אים זיינע ארומיגע געפרעגט: און וואס איז אויב דער רבי האט ליב דער מאכל? האט רבי ר' ברוכ'ל געענטפערט, "ס'שטייט אין די תורה "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך", עס איז שוין נישט פארבליבן קיין פלאץ אין הארץ פאר קיין שום אנדערע ליבשאפט חוץ פונעם באשעפער"...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**





# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

דערנאך איז די מנהג פון חסידים ואנשי מעשה עפ"י קבלה[1] (און אויך א סגולה[2]) צו קוקן אויף די צוויי שי"ן פון די צוויי זייטן, קודם אויף די שי"ן מיט 4 ראשים (די לינקע)[3], דערנאך אויף די שי"ן מיט 3 ראשים (די רעכטע, , און דערנאך אויף די דלת, און אויף די יוד פון די תפילין של יד (צוזאמען איז שם שק"י).

ס'דא וואס לייגן צוזאם די קשר דל"ת נעבן די שי"ן, און מ'לייגט דאס נאנט צו די יו"ד פון די של יד, אז ס'זאל מצרף זיין צו שם שק"י.

ס'דא וואס געבן א קוש פארן לייגן אויפן ראש אלס חיבוב מצוה[4].

נאכדעם לייגט מען ארויף די 'של ראש' אויפן קאפ, דארט ווי עס גייט ווערן מהודק (אז די ברכה זאל זיין קודם לעשייתן און נישט קודם דקודם[5]. ס'דא וואס פירן זיך צו מאכן די ברכה פארן ארויפלייגן אויפן קאפ[6]).

ס'דא וואס לייגן די קשר נאנט צו די תפילין, און אזוי ליגט מען עס ארויף אויפן קאפ, און נאכן ליגן אויפן קאפ ריקט מען אראפ די קשר צום באשטימטן פלאץ[7]. (גרינגער איז צו קודם אראפלייגן די קשרביים עורף און דערנאך אראפלייגן די קציצה ביים אנהייב קאפ).

מ'זאל נישט האלטן די של ראש דורך די קשר דלי"ת[8]. ווען ס'איז אויפן קאפ דארף מען נישט אזוי שטארק נזהר זיין דערין, אבער ס'כדאי זיך צוצוגעוואוינען, אז די ריכטיגע וועג וויאזוי מ'האלט עס, איז ביי די קציצה (תפילין)[9].

מ'טוט אויס די הוט. מ'זאל עס נישט לייגן אויף א סידור אדער ספרים[10].

דערנאך הייבט מען אויף די קאפל, און מ'לייגט די של ראש אויפן קאפ, מ'זאל פראבירן נישט צו אנרירן די האר פון קאפ וואס איז אונטערן קאפל, בשעת'ן לייגן די של ראש[11], און נאכדעם דעקט מען צו די קאפ מיטן קאפל, און לכתחילה אויך די הוט[12]. (ס'דא וואס לייגן די תפילין אויפן קאפ, און דערנאך שלעפט מען ארויס די קאפל פון אינמיטן, און מ'דעקט גלייך צו, אזוי איז דא ווייניגער צייט וואס די קאפ איז אויפגעדעקט).

## די ברכה

מנהג העולם צו זאגן די ברכה שטיל[13] (ס'דא וואס זאגן הויך[14]): 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם, אשר קדשנו במצותיו, וצונו, על מ1צ8ו0ת תפלין'. די ואו פון מצות, זאגט מען מיט א פתח (לשון יחיד), נישט מיט א חולם אויפן ואו (לשון רבים)[15].

דא איז אויך ראוי צו זאגן גוט די נקודות פון די ווארט 'תפ1יל1ין' (דהיינו די חיריק)[16].

## הידוק

און תיכף נאכדעם טוט מען אויס די הוט[17], און מ'איז מהדק די תפילין.

---

1 זוהר הקדוש (עקב דף רעד ע"א), בן איש חי (ש"א וירא סי"ח) 'קודם הנחת תש"ר בראשו יסתכל בשבעה זיני"ן שיש בשני שיני"ן דאית בהו רזין סתימין עמיקין' , דרכי חיים ושלום (אות נד). וכן מנהג סקווירא להסתכל קודם על של שמאל, ואח"כ על של ימין.

2 בן יהוידע (שבת דף קיח ד"ה דקיימית) 'והנה ידוע שיש בתפילין של ראש שנ"י שינ"ן א' בת ד' ראשים, וא' בת ג' ראשים, ואם האדם יסתכל בהם קודם הנחת התפילין יגיע לו הארה גדולה בזה, וזו ההארה שתגיע לו מן הסתכלות הנז' תהיה לו לעזר בענין הסח הדעת, ולכן חסידים ואנשי מעשה נזהרין להסתכל בשינין של תפילין כל יום קודם שיניחו אותם'.

3 עי' כף החיים (סי' כה סקל"ה): 'השין בעל ארבעה ראשים היא על צד השמאל המניח, מפני שהוא מימין הקורא, כלומר כדי שתהי' מימין האדם העומד ממול המניח, לכן גם אם המניח הוא איטר יד, עושין לו שין בעת ארבעה ראשים משמאל התפילה, כדי שתהי' מימין הקורא. גם סדר הנחת הפרשיות בהתאין. היא כשל מי שאינו איטר'.

4 וכן הוא פשטות לשון השו"ע (סי' כח) 'מנהג חכמים לנשק בשעת הנחתן' וקאי בין על של יד, ובין על של ראש, אכן הבאנו לעיל בשם השל"ה (מצות תפילין פ"ד אות ד) שמורו ורבו מהר"ש מיחה שלא לנשק השל ראש בשעת הנחתן מטעם הפסק, ועי' בנימוקי או"ח (סי' כח סק"ב) דמאחר שהב"י מביאו בשם אבודרהם בשם גאון שכל דבריהם דברי קבלה כנודע יש בזה מצוה ולכן לא הוי הפסק. ושכתב באות חיים (סי' כח סק"ד) דלאו דוקא חכמים אלא לכל אחד מצוה הוא.

5 רמ"א (סי' כה ס"ה וס"ח). וכתב המג"א (סקי"ג) דלא כמו שנוהגין העולם שמברכין קודם הנחה. וכ"כ בשל"ה (חולין אות כד)

6 הרה"ק מסאטמאר זי"ע הי' נוהג לברך בעוד שהתפילין של בידו, ואמר שיש חולקין על המג"א, וכן הוא ביוסף אומץ (סי' רס), ובערוה"ש (סי' כה סט"ו), ובהרימותי בחור מעם (עמ' קכא) כתב טעם שחשש שיגע בשער ראשו קודם הברכה ויצטרך ליטול ידיו לכן בירך מקודם. (וכן אפשר לומר שחשש להשיטות שבהנחה בלבד יצא והקשירה אינו מעכב).

7 כף החיים (סי' מ סק"א) 'וכ"כ החסד לאלפים (אות א) דאפי' בשעת הנחה יש להחמיר שלא לאחוז בקשר והבית יהי' תלוי עד שמניחו בראשו, אלא יקח בידו הקשר עם הבית דבוקים ויניח הבית במקומו ואח"כ הקשר במקומו'. אמנם במג"א (סק"א) מבואר דאם אוחז הקציצה, והרצועה תלויה, אין קפידא בשעת הנחת תפילין (דהיינו באקראי). מ"מ מהדרים לקיים דברי השו"ע (סי' מ ס"א) ש'אסור לתלות תפילין בין בבתים בין ברצועות' כפשוטן.

8 שו"ע (סי' מ ס"א), ובמ"א (סק"א), ובמאסף לכל המחנות (סי' מ סק"א), ובדברי יחזקאל (הלכות והליכות), וע"ע טו"ז (סק"א).

אבל מנהג סקווירא שאין קפידא בדבר אם אוחזו בקשר וכה מניחו על הראש, אף שהבתים הם תלויים למטה, כי זהו צורך הנחתם כמבואר בטו"ז. ועי' מחצה"ש (שם), ובכף החיים (סק"א) שכתבו שאפשר שגם המ"א מודה להטו"ז (סק"א) דאין בזה בזיון בשעת הנחה.

9 וכן עי' מ"ב (סק"ב).

10 עי' שע"ת (סי' מ סק"ג), ובשו"ע (יו"ד סי' רפב סי"ט), ובספר חסידים (סי' תתקט), וביוסף אומץ (עמ' רעז).

11 פמ"ג (סי' צא א"א סק"ג).

12 שלמת חיים (סי' קפא): 'גם בשאר ברכות ודאי לכתחילה אם אפשר לו [ישים כובע על ראשו]', ועי' מ"ב (סי' צא סקי"ב) בדין שמו"ע, ומ"ב (סי' קפג סקי"א) בדין ברכהמ"ז.

אמנם יש נוהגין לפשוט הכובע לפני הברכה שלא להפסיק בין הברכה לההנחה בפשיטת הכובע (אפיקי מגינים, סי' כה סקכ"ז ש'ההולכים בבית כובעים יסיר הכובע העליונה קודם הנחת של יד ולא אח"כ'), ויש נוהגים להשים היד על ראשו, ועי' מ"ב (סי' ב סקי"ב) שידו על ראשו לא מהני, אבל זהו אם ראשו מגולה, אז לא מהני ידו, אבל אם ראשו מכוסה בכיסוי, אז כשנותן ידו על הכיסוי שעל ראשו נחשב לשני כיסויין.

און ווען מ'האט א טלית טוט מען אן די טלית. שלמת חיים הנ"ל, אכן יש ענין ג"כ עפ"י קבלה, עי' ברכ"י (סי' כז אות ה), וכף החיים (סי' כה סקל"ב) 'וכן בהנחת תפילין של ראש צריך לכסות ראשו בטלית בשעת הנחה כדי שתהיה בהצנע' משמע גם בשעת הנחה. וכן מנהג סקווירא לכסות התפילין עם הטלית בשעת הנחה וברכה וטעמם כנ"ל. וכן נהג בעל מנחת אלעזר (דרכי חיים ושלום אות מט בהערה).

13 פמ"ג (א"א סק"י), קיצור ש"ע (סי' י ס"ד), תורת חיים (סי' כ"ה סקי"ד) שכן מנהג העולם לברך בלחש, וכ"כ בספר אור הנפלאות (אות מ"ב) שכן נהג החוזה מלובלין זי"ע על תש"י בירך בקול רם ועל של ראש רק שפתיו נעות משום דיש פלוגתא אם לברך על של ראש ועל ספק ברכה י"ל בשכמל"ו משא"כ על עניית אמן'. וכן מנהג סאטמאר, סקווירא, תולדות אהרן (זכור לאברהם (עמ' קפג).

אם שמע מחבירו מברך, הכף החיים (סקס"ד ומ') מכריע דשב ואל תעשה עדיף, ובשו"ת האלף לך שלמה (סי' נז) מכריע דיש לענות. ולמעשה יכול לענות.

14 זוהר חי (קאמארנא ויגש דף רה ע"א) 'אחר מצות תש"ר מצוה לענות אמן לדעת רוב פוסקים וראיתי לאיזה חסרי דעת שאומרים ברכה זו בלחש שלא יענו אמן והוא טפשות גדולה ואין להאריך', דרכי חיים ושלום (אות מז), וכן נהג רביה"ק מ'טאהש זי"ע

15 שועה"ר (סי' כה סי"ד וטז), מ"ב (סי' כה סק"כ) דלא נתקנה ברכה זו אלא לתפילין של ראש, לפי שהוא עיקר המצוה ויש בה יותר קדושה שיש בה ד' בתים והשי"ן.

16 כמ"ש לעיל.

17 עי' שו"ת באר משה (ח"ח סי' מב) בדין עטיפת טלית.

וואס שרייבן, אז נאכן ארויפלייגן אויפן קאפ כאפט מען אן די רצועות מיט די פינגער אזוי ווי ביי יעדע ברכה בית נאמן בישראל (עמ' קט) עפ"י שו"ע (סי' רו ס"ד), ומ"ב (סקי"ח).

עורך: נתנאל הערשקאוויטש

# הואיל משה באר

הקדמת הרמב"ם לסדר קדשים
ללומדי חבורת מזון הנפש - מס' זבחים

## קרבן יחיד

וְהַמִּין הַשֵּׁנִי, וְהוּא קָרְבַּן יָחִיד, נֶחְלָק לַחֲמִשָּׁה חֲלָקִים:[1]

- הַחֵלֶק הָאֶחָד, שֶׁיְּהֵא הַיָּחִיד חַיָּב קָרְבָּן עַל מַעֲשֶׂה שֶׁעָשָׂה אוֹ דִּבּוּר שֶׁדִּבֵּר.
- הַחֵלֶק הַשֵּׁנִי, שֶׁיִּתְחַיֵּב קָרְבָּן עַל עִנְיָן מִן הָעִנְיָנִין שֶׁיֵּשׁ בּוֹ בְּגוּפוֹ.
- וְהַחֵלֶק הַשְּׁלִישִׁי, שֶׁיִּתְחַיֵּב בָּזֶה עַל שׁוּם עִנְיָן מֵהָעִנְיָנִים שֶׁיִּהְיֶה בִּנְכָסָיו.
- וְהַחֵלֶק הָרְבִיעִי, שֶׁיִּתְחַיֵּב בָּזֶה בְּהַגִּיעַ זְמַן יָדוּעַ.
- וְהַחֵלֶק הַחֲמִישִׁי, שֶׁיִּתְחַיֵּב בָּזֶה דֶּרֶךְ נְדָבָה.

## חטאת על 33 כריתות

הַחֵלֶק הָרִאשׁוֹן הוּא כְּמוֹ שֶׁאֲבָאֵר.

וְהוּא שֶׁהַכְּרִיתוֹת הַנִּזְכָּרִים בַּתּוֹרָה הֵן שִׁשָּׁה וּשְׁלֹשִׁים, כְּפִי מַה שֶּׁנִּמְנוּ בִּתְחִלַּת כְּרִיתוֹת. יֵשׁ מֵהֶן שְׁלֹשָׁה שֶׁלֹּא יִתְחַיֵּב הָעוֹבֵר עֲלֵיהֶן בְּשׁוֹגֵג קָרְבַּן יָחִיד, וְהֵם מִי שֶׁבִּטֵּל מַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח בִּזְמַנּוֹ, אוֹ בִּטֵּל מִילָה, אוֹ מְגַדֵּף, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ הַטַּעַם בָּזֶה בְּשֵׁנִי מִמַּסֶּכֶת הוֹרָיוֹת, וְעוֹד נְבָאֵר אוֹתוֹ גַּם כֵּן בִּתְחִלַּת כְּרִיתוֹת.[2] וּשְׁאָר הַשְּׁלֹשָׁה וּשְׁלֹשִׁים כָּל הָעוֹבֵר עַל אֶחָד מֵהֶן בְּשׁוֹגֵג חַיָּב קָרְבַּן חַטָּאת.

## אשם תלוי על 31 כריתות

וְאִם נִסְתַּפֵּק לוֹ אִם עָשָׂה אִם לֹא עָשָׂה חַיָּב אָשָׁם תָּלוּי. זוּלָתִי מְטַמֵּא מִקְדָּשׁ וְקָדָשָׁיו[3] שֶׁאֵינוֹ חַיָּב עַל לֹא הוֹדַע אָשָׁם תָּלוּי, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר בִּתְחִלַּת כְּרִיתוֹת.

## איזה מין מביא חטאתו?

וּמִכְּלַל אֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה וּשְׁלֹשִׁים כְּרִיתוֹת שֶׁחַיָּב עַל כָּל אֶחָד מֵהֶן קָרְבָּן כְּמוֹ שֶׁזָּכַרְנוּ, עֲבוֹדָה זָרָה, וּמְטַמֵּא מִקְדָּשׁ, וְקָדָשָׁיו.

וְהַקָּרְבָּן שֶׁמַּקְרִיבִין עַל הַשְּׁגָגָה אֲשֶׁר תִּפֹּל בְּאַחַת מִכָּל אֵלּוּ הַמִּצְוֹת כְּמוֹ שֶׁאֲבָאֵר:

## קרבן חטאת על עבודה זרה

וְהוּא שֶׁאִם הָיָה יָחִיד שֶׁשָּׁגַג בַּעֲבוֹדָה זָרָה, מַקְרִיב הַשּׁוֹגֵג עֵז בַּת שְׁנָתָהּ לְחַטָּאת, בֵּין שֶׁהָיָה

1 וכולן מפרש ואזיל.

2 הטעם בפסח ומילה שאין בהם מצות לא תעשה, והטעם במגדף לפי שאין בו מעשה אלא דיבור בעלמא.

3 טמא שנכנס למקדש או טמא שאכל קדשים, והן שתי עבירות נפרדות. ועל הספק שלהן אינו מביא אשם תלוי כיון שאין בוודאי שלהן חטאת קבועה, כמו שיתבאר.

הַיָּחִיד הַזֶּה מֶלֶךְ אוֹ הֶדְיוֹט אוֹ כֹּהֵן מָשִׁיחַ.[4]

## קרבן עולה ויורד על טומאת מקדש וקדשיו

וְאִם שָׁגַג בְּטֻמְאַת מִקְדָּשׁ וְקָדָשָׁיו, מַקְרִיב כִּשְׂבָּה אוֹ שְׂעִירַת עִזִּים.

וְאִם אֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת לְפִי שֶׁהוּא עָנִי, מַקְרִיב שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה אוֹ שְׁנֵי תוֹרִים, אֶחָד עוֹלָה וְאֶחָד חַטָּאת.

וְאִם אֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת לְכָךְ, מַקְרִיב עֲשִׂירִית הָאֵיפָה, כְּמוֹ שֶׁבֵּאֵר הַכָּתוּב.[5]

וְכֵן בְּזֹאת הַשְּׁגָגָה אֵין הֶפְרֵשׁ אִם הָיָה הַשּׁוֹגֵג מֶלֶךְ אוֹ הֶדְיוֹט אוֹ כֹּהֵן מָשִׁיחַ.

## חטאת קבועה על 30 כריתות

וְאִם הָיְתָה הַשְּׁגָגָה בְּאַחַת מֵאֵלֶּה הַשְּׁלֹשִׁים עֲבֵרוֹת הַנִּשְׁאָרוֹת,[6] אָז יִהְיֶה חִלּוּק בֵּין הַשּׁוֹגְגִים:

אִם הַשּׁוֹגֵג בְּאֶחָד מֵהֶם הָיָה יָחִיד מִשְּׁאָר הָעָם, וְהוּא שֶׁקְּרָאוֹ הַכָּתוּב מֵעַם הָאָרֶץ, חַיָּב שְׂעִירַת עִזִּים אוֹ נְקֵבָה מִן הַצֹּאן לְחַטָּאת.

וְאִם הָיָה נָשִׂיא, וְהוּא הַמֶּלֶךְ שֶׁאֵין לְמַעְלָה מִמֶּנּוּ בַּמַּעֲלָה, מַקְרִיב שְׂעִיר עִזִּים.

וְאִם הָיָה הַשּׁוֹגֵג כֹּהֵן מָשִׁיחַ, וְעַל פִּי הַתְּנָאִים אֲשֶׁר בֵּאַרְנוּ בְּשֵׁנִי מֵהוֹרָיוֹת, מַקְרִיב פַּר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת. וְזֶה הַפָּר נִשְׂרָף כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר בַּכָּתוּב, וְהוּא נִקְרָא פַּר הַבָּא עַל כָּל הַמִּצְוֹת.[7]

4 חטאת זו כתובה בפרשת שלח, ובאה הקבלה שמדבר מחטאת עבודה זרה. והיא שונה מחטאת רגילה בשני דברים: 1) שבחטאת רגילה יש חילוק מי הוא העובר, אבל כאן הכל שוים בה. 2) שבחטאת רגילה אדם הדיוט מביא כשבה או שעירה, אבל כאן מביא שעירה דווקא.

5 והוא הנקרא "קרבן עולה ויורד", לפי שהקרבן עולה אצל עשיר ויורד אצל עני. וטומאת מקדש וקדשיו הן שני כריתות היחידות שמביא קרבן עולה ויורד במקום חטאת רגילה, אבל להלן יובא שתי עבירות נוספות שמביא עליהן קרבן זה.

6 למעט חטאת עבודה זרה, חטאת טומאת מקדש, חטאת טומאת קדשים.

7 מפני שהפרשה מתחלת נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא בִשְׁגָגָה מִכֹּל מִצְוֹת ה'. ואולי מפני שכהן גדול מביא פר חטאת ביום הכיפורים ג"כ, לזה קראו חטאתו כשעובר עבירה "פר הבא על כל המצוות".

## אשם שפחה חרופה

מִקָּרְבְּנוֹת אָדָם הַיָּחִיד גַּם כֵּן שֶׁחַיָּב בָּהֶם הָעוֹבֵר אִם בָּא עַל שִׁפְחָה חֲרוּפָה אֵיזֶה שֶׁיִּהְיֶה מִבְּנֵי אָדָם בֵּין שׁוֹגֵג בֵּין מֵזִיד, חַיָּב אֵיל אָשָׁם, וְהוּא הַנִּקְרָא אָשָׁם וַדַּאי, וְנִקְרָא גַּם כֵּן אֲשַׁם שִׁפְחָה חֲרוּפָה.[8]

## אשם מעילות

וְכֵן מִי שֶׁנֶּהֱנָה בְּשָׁוֶה פְּרוּטָה מִן הַקֹּדֶשׁ מָעַל וְחַיָּב אֵיל אָשָׁם, וְהוּא הַנִּקְרָא אֲשַׁם מְעִילוֹת, עַל מְנָת שֶׁיִּהְיֶה שׁוֹגֵג.

אֲבָל אִם הָיָה מֵזִיד אֵינוֹ חַיָּב קָרְבַּן מְעִילָה. לְפִי שֶׁהַהֶקְדֵּשׁ אֵינוֹ מִתְחַלֵּל בְּמֵזִיד אֶלָּא עוֹמֵד בִּקְדֻשָּׁתוֹ, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בְּשֵׁנִי מִקִּדּוּשִׁין.[9]

## קרבן עולה ויורד על שבועת העדות

וְכֵן שְׁבוּעַת הָעֵדוּת וּשְׁבוּעַת הַפִּקָּדוֹן[10] חַיָּב קָרְבָּן אִם שִׁקֵּר, בֵּין שֶׁיִּהְיֶה שׁוֹגֵג אוֹ מֵזִיד, כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר בְּשֵׁנִי מִכְּרִיתוֹת.

וְהַקָּרְבָּן שֶׁחַיָּב בּוֹ מִי שֶׁמְּשַׁקֵּר בִּשְׁבוּעַת הָעֵדוּת הוּא כְּמוֹ מְטַמֵּא מִקְדָּשׁ וְקָדָשָׁיו בְּשָׁוֶה.

## אשם גזילות

וְהַקָּרְבָּן שֶׁחַיָּב בִּשְׁבוּעַת הַפִּקָּדוֹן, וְהוּא מִי שֶׁכּוֹפֵר בְּפִקָּדוֹן וְנִשְׁבַּע עָלָיו וּמְשַׁקֵּר, הוּא אֵיל אָשָׁם. וְכֵן מִי שֶׁגָּזַל וְנִשְׁבַּע וּמְשַׁקֵּר הוּא אֵיל אָשָׁם. אוֹ יֵשׁ לוֹ נְכָסִים מִשּׁוּם אָדָם, בֵּין מִשֻּׁתָּפוּת, אוֹ אֲבֵדָה שֶׁמָּצָא לוֹ, (אוֹ גֵּזֶל שֶׁגָּזַל) אוֹ אוֹנָאָה שֶׁהוֹנָה אוֹתוֹ בְּמַשָּׂא וּמַתָּן, וְכָפַר בְּאוֹתָן נְכָסִים שֶׁחַיָּב לְפָרְעָם מֵאֶחָד מֵאֵלֶּה הָעִנְיָנִין וְנִשְׁבַּע עַל זֶה, חַיָּב אֵיל אָשָׁם, וְזֶהוּ נִקְרָא אֲשַׁם גְּזֵלוֹת.

וְאֵין הֶפְרֵשׁ שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל זֶה שׁוֹגֵג אוֹ מֵזִיד חַיָּב אֵיל אָשָׁם הוֹאִיל וְנִשְׁבַּע, וּכְמוֹ שֶׁזָּכַרְנוּ בִּתְשִׁיעִי מִקַּמָּא.

8 כל האשמות חוץ מאשם תלוי נקראים אשם ודאי, לפי שבאים על חטא שעשה בוודאי, בשונה מאשם תלוי המובא כאשר מסתפק אם חטא. ושפחה חרופה להלכה (רמב"ם איסורי ביאה ג, יג) היינו אשה שחציה שפחה וחציה בת חורין ומקודשת לעבד עברי. וכל האשמות שבאים על חטא, בין ודאי ובין תלוי, מביא איל. רק אשם נזיר טמא ואשם מצורע שאינם על חטא הם כבש.

9 כלומר כאשר משתמש בהקדש בשוגג אזי החפץ "מתחלל", היינו שהוא מאבד קדושתו ויוצא לחולין, ולכך חייב קרבן מעילה. אבל כאשר הזיד בדבר אין ההקדש מתחלל, ולכך פטור מקרבן מעילה – אף שחייב מלקות.

10 שבועת העדות: מי שהיה עד בדבר ממון וכפר שאינו יודע עדות זו ונשבע בשקר, חייב קרבן עולה ויורד. שבועת הפקדון: מפרש ואזיל.

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו צו אנשי שלומינו


איבערצייגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
877.760.0544

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841


## יחדשהו הקב"ה עלינו – א גריס פון מאנסי

לכבוד די חשובע מערכת.

יא שוין ווייטער איז מאנסי אין די נייעס... אבער יעצט היימישע נייעס. איך וויל ברענגען א גרוס אויפן שפיץ גאפל פון קהלתינו הק' אין מאנסי פון די לעצטערע תקופה. וואס איך פיל אז אנ"ש וועלן הנאה האבן עס צו ליינען.

איך וועל אנפאנגען מיט די פאסט קארטל וואס איך האב באקומען דעי וואך אין פאסט, און מסתמא וועט עס אויך זיין געדרוקט אינעם גליון צוזאמען מיט די אלע אנדערע מודעות און פאוסטער'ס פון קהלתינו הקדושות מרחבי תבל. איך רעד פון די גרויסארטיגע מעמד "יחדשהו", לרגל די חנוכת הבית והתחדשות קהלתינו דא אין מאנסי דעם קומענדיגן מוצש"ק וישב כ"ג כסלו הבעל"ט. טאהש מאנסי פיבערט מיט התחדשות און ס'איז נתעלה געווארן מעלות רמות בפרט די לעצטערע חדשים דא בקרב הקהילה, און אוודאי מיטן הערליכן נייעם בנין וואס מ'האט אהערגעברענגט דא אויפן פלאץ פון דעם אלטן ישן נושן.

שוין א תקופה וואס הרה"צ ר' חיים יחיאל אלטר סג"ל בן כ"ק מרן רבינו שליט"א לייגט אריין גרויסע כוחות אין ביהמ"ד צוזאמען מיט די עסקנים, זה בכה וזה בכה ברוחניות ובגשמיות. וויל איך מיטטיילן וואס דער רבי זז"ג האט געזאגט דא אין ביהמ"ד ביים פלוצלינג'דיגע בליץ באזוך אין מאנסי פ' תולדות, ווי דער רבי האט קובע געווען א מזווה בבנין ביהמ"ד החדש, און עס איז פארגעקומען א באשיידענעם מסיבת לחיים לרגל המאורע.

האט דער רבי געזאגט בשבחו פון בנו יקירו וחביבו הרה"צ ר' חיים שליט"א, זיך אויסדרוקענדיג: מיין זוהן רבי חיים פארמאגט אסאך כוחות אין זיך, מ'זאל עס זעהן ארויסצונוצעמען.

איך וויל טאקע דא אויסצונוצן דעם ארט צו וואונטשן בלב מלא חפנים, א מזל טוב פארן רבינ'ס זוהן רבי חיים, לרגל די שידוך שליסן פון בתו הכלה המהוללה, עס איז א געוואלדיגע שמחה דא אין בית המדרש, און דער עולם האט זיך משתתף געווען דעם מוצש"ק צום לחיים און שמחת הווארט בביתו. און יעדער קוקט טאקע ארויס אויפן גרויסארטיגן שמחת התנאים ווי עס וועט נאכאמאל זיין א געלעגנהייט אז דער רבי וועט קומען באזוכן קהלתינו הק', און א גרעסערן ציבור וועט דאס מאל האבן דעם מעגליכקייט מיטצוהאלטן.

אין אנדערע נייעס איז פארגעקומען א הערליכע מסיבה פאר די טאהשע אינגעלייט לטובת מוסדתינו הק' דא אין מאנסי, ווי מ'האט זיך צוזאמגענומען ביומדה"ק פונעם בת עין צו א סעודת מרעים טאקע בבנין הת"ת החדש עבודת משולם פייש ווי עס ווערן נתחנך אונזערע לעכטיגע דורות בדרכי עבודת עבודה.

איך וויל זיך פארשטייט זיך ענדיגן מיט א דאנק פאר די חשובע מערכת, וואס גיבט דעם געלעגנהייט סיי דא אינעם גליון און סיי דורכן ספעציעלן אפטיילונג אויפן טעלעפאון ליין, ווי מ'קען זיך אויסשמועסן צווישן זיך, און הערן און מיטהאלטן בידידות ורעות אויף א היימישן שטייגער, חסידים שמועסן מאנ"ש לאנ"ש.

ק.א.

## חונה מלאך ה' סביב ליראיו – די סגולה ארבעט...

לכבוד די חשוב'ע מערכת הגליון באור החיים. אינעם גליון פר' חיי שרה האט איך געברענגט די פלא'דיגע סגולה פון רבינו הקדוש זי"ע, נישט צו דארפן זיצן נעבן א פרוי אויפן פליגער, אז מען זאל זאגן די פסוק "חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם". נאכגעברענגט פונעם לאנגיעריגן מנהל ישיבתינו הק', הרה"ג ר' אברהם שארר שליט"א.

עס איז מיר געווען א גרויסע חידוש. איך האב שוין לאנג געהאט געהערט אז רבינו הקדוש זי"ע האט אים אנגעוואונטשן ער זאל קיינמאל נישט האבן קיין פראבלעמען אויפן פליגער וועגן נשים, און ער האט טאקע קיינמאל נישט געהאט קיין פראבלעמען. אבער וועגן די סגולה האב איך נאך נישט געהערט. איז מיר עס געווען א חידוש.

וויל איך מיטטיילן א מעשה וואס איך האב געהאט די וואך, בדידי הוי עובדא, מיט אויך א שטיקל הוספה. פארגאנגענע וואך בין איך געפארן קיין ארץ ישראל אהין און צוריק, צו די חתונה פונעם זון פון הרה"ג ר' מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל רוחני דישיבתינו הק', וואס איז פארגעקומען אין בית שמש דינסטאג ויצא העעל"ט. נאכן ליינען די מורא'דיגע סגולה, האב

איך שוין אויפן וועג צום לופטפעלד אסאך מאל געחזר'ט די פסוק, און איך האב טאקע געזען ווי דאס האט מיר ממש באגלייט אויפן גאנצע נסיעה. במשך די נסיעה בין איך געווען אויף 4 פליגער'ס. אויפן ערשטע פליגער איז די זיץ נעבן מיר געווען קודם ליידיג, אבער נאך אפאר מינוט איז אנגעקומען א מכשיפה וואס האט געדארפט זיצן נעבן מיר, און גלייך האט זי זיך געטוישט פלאץ מיט א גוי, און זי האט זיך אריינגערוקט ביזן פענסטער, און דער גוי האט זיך אריינגעזעצט צווישן מיר און די פרוי, אזוי בין איך ב"ה באהיטן געווארן, און פון דעמאלטס האב איך מער נישט געהאט קיין שום פראבלעמען.

זיצענדיג אויפן פליגער אזוי סאך, איז מיר בייגעפאלן א מורא'דיגע רמז אין די פסוק, אונז קענען זיכער נישט פארשטיין וויאזוי די סגולה פונעם פסוק ארבעט, אבער בפשטות לויט אונזער פשוט'ן שכל קען מען זאגן א שיינע רמז, אז מיטן זאגן די פסוק איז מען ממשיך אויף זיך די אור הוי"ה ברוך הוא, וואס דורך דעם אנטלויפן אלע מזיקין ומרעין בישין, און אזוי ווי די אפטייטש פונעם פסוק איז דאך ממש דאס, חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם. נאכדעם, זעהט מען אין זוהר הק' די וואך פרשת וישלח, ברענגט דער זוהר אראפ די פסוק אנהייב סדרה, און ער זאגט אז "מלאך ה'" גייט ארויף אויף די שכינה הקדושה. איז טייטשט אז די שכינה הק' אליינס רוהט נעבן די יראי ה' און דאס באהיט פון אלעם שלעכטס.

נאכדעם קען מען אפשר אויך מרמז זיין אביסל טיפער. "חונה מלאך הוי"ה" איז גימטריא פונקטליך ווי דאס ווארט "מקום" (186), וואס מען זעהט אין אסאך פלעצער ווי דער הייליגער באשעפער ווערט אנגערופן מקום, (און אויך איז עס טייטשט פלאץ, מען זאל האבן א גוטע פלאץ..). אויך איז אין די ווארט "מקום" מרומז די שם הוי"ה, ווי עס ווערט געברענגט אסאך אין ספה"ק (ומקורו בתיקוני זוה"ק), אזוי: י' מאל י', ה' מאל ה', ו' מאל ו', ה' מאל ה', איז די גימט' פון די ווארט "מקום". 10 מאל 10 איז 100, 5 מאל 5 איז 25, 6 מאל 6 איז 36, און נאך 25, צוזאמען איז עס 186.

נאכדעם האב איך געטראכט, אז "חונה מלאך הוי"ה סביב" איז בגימטריא ר"ס, וואס דאס איז 10 מאל די שם הוי"ה. און די גימטריא פון די גאנצע פסוק, "חונה מלאך הוי"ה סביב ליראיו ויחלצם", איז ממש די גימט' פון "שבת" (702), וואס שבת איז דאך שמא דקודשא בריך הוא, וואס איז מסוגל פאר אלעס גוטס, און צו מבריח זיין אלע מחשבות רעות ומרעין בישין וכדומה. זיעוכ"י

ידידיכם מרדכי בעריש מערמעלשטיין

ר"מ בישיבה קטנה תפארת משולם
פייש ד'טאהש - פה ניו יארק

## הכרת הטוב פארן מפעל האיחוד...

לכבוד המפעל החשוב הנודע איחוד תלמידי וחסידי טאהש.

דא רעדט א טאהשע בחור. שוין א שטיקל צייט וואס איך פיל א שטארקע הכרת הטוב פארן איחוד. און שוין לאנג וואס איך פיל אז איך מוז ארויסשרייבן די הכרת הטוב. אבער עס קומט יעדע וואך מוצאי שבת און מען מאכט הבדלה פארגעס איך דערפון... און אזוי גייט אריבער נאך א וואך און נאך א וואך. האב איך גענומען יעצט די מיה צו לאזן א מעסעדזש זיך צו באדאנקען בשם כל הקהל הקודש פאר אלע פעולות. ווי מ'זעהט עס גייט אן אויף א שטארקייט בבינת חק ולא יעבור.

איך וויל אנפאנגען מיטן 'גליון באור החיים' וואס איך האב הנאה יעדע וואך, אנגעפאנגען מיט די פערל ווערטער פון די הייליגער רבי זי"ע, די הערליכע שטיקלעך פון די ספרי דבי רב עבודת עבודה אויך איבערגעטייטשט אין אידיש, אזוי אויך די מדור מאור התורה ווי עס איז גענומען א שטיקל פון הייליגן רבי'ן און צוגעלייגט אינטערעסאנטע געדאנקען און קורצע מעשה'לעך מיטצונעמען מיט זיך, אויך די סיפורי צדיקים און תורות אויף די וואכעדיגע סדרה וואס מ'קען נאכזאגן בייים טיש, אויך די הלכות פונעם דיין שליט"א יעדע וואך הערליך קלאר מיט מקורות אונטן, אזוי אויך גייט אריין כסדר תורות און דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, א שטיקל צייט איז געווען וועכנטליך א קורצע מאמר וואס מ'האט געקענט ארויסנעמען א נקודה למחשבה פון צווישן דעם רבינס תורות, און מ'קען נישט פארטיג ווערן וואס נאך.

אויך מוז איך זיך באדאנקען פארן 'חבורת להתאחד' וואס האט זיך געגרינדעט בהתייעצות ובברכת הקהל הקודש פונעם רבין זאל זיין געזונט, און דורכדעם פיל איך א וועכנטליכע דערהויבנקייט אין א טעם אינעם שבת קודש, ווי טאהש איז ר"ת ט'עם א'ינעם ה'ייליגן ש'בת.

באזונדער וויל איך ארויסברענגען לשבח דעם הערליכע 'קול איחוד' טעלעפאון ליין. מ'האלט מיט יעדע וואך די נייעס בחצר הקודש, מ'הערט די שמחות און מ'פרייט זיך איינער מיטן צווייטן, אוודאי און אוודאי די דברות קודש פון מרן רבינו שליט"א, אויך איז דא פארשידענע אינטערעסאנטע תוכנדיגע ריקארדינ'ס, מ'קען מיטהאלטן און איבערהערן די מעמדים בחצרות קדשינו, גאר קלארע שיעורים אין 'חבורת מזון הנפש', און נאך און נאך, אלעס הערליך שיין מסודר אויפן ליין. אויך א דאנק פאר די 'מתאחדת בלעטל', וואס דאס גיבט שטארק צו דעם אחדות צווישן אנ"ש בקהלתינו הקדושה.

ב"ה די כח האחדות פון תלמידים וחסידים האלטן פאראייניגט די הערצער, מיר האבן אלע די זכיה כסדר צו קענען פארן זיך מסתופף זיין בצילא דמהימנותא, און און מ'זעהט און מ'האלט מיט ווי די טאהשע פלאם און ברען גייט ווייטער אן בהילו נירו על ראשינו פון רבינו שליט"א וואס איז ממשיך בדרכיו פון הייליגן רבי'ן זי"ע, און מ'זעהט ווי די קדושה טוט זיך נישט אפ ועבודת הלוי לא פסיק לעלם.

א דאנק הנהלת האיחוד! און א דאנק די וואס העלפן צו להתאחד באהבתך ויראתך!

לקראת די יום השלושים פון די פטירה פון

# הרב החסיד הישיש
# ר' הערש לייב וויינבערגער ז"ל



שמואל גראסבערגער

**ברענגען מיר אראפ א אינהאלטסרייכע שמועס מיטן נפטר ז"ל זעלבסט, וואס איז אפגעהאלטן געווארן קרוב צו 20 יאר צוריק.**

**ווען איז געווען דער ערשטע מאל וואס איר האט זיך באגעגנט מיטן הייליגן רבי'ן זי"ע ?**

זייענדיג א יליד מונקאטש האב איך פארן קריג נישט זוכה געווען צו זען דעם רבי'ן.

אבער נאך די גרויסע צרות פון די מלחמה ווען איך בין באפרייט געווארן, בין איך צוזאמען מיט א חבר אנגעקומען קיין סאטמאר ווי מיר האבן געטראפן נאך חברים. שבת נאכמיטאג בין איך אנגעקומען צום דיין הרה"ג ר' אברהם הערש ווייס ז"ל [באקאנט שפעטער אלס נוה אחיעזר רב און ארץ ישראל]. זיין פאטער הרב מנחם ווייס איז געווען אן אידעם ביים סוואליעווע רב הרה"ק רבי יצחק אייזיק ווייס זצ"ל. היות ר' מנחם האט חתונה געהאט אין מונקאטש, האב איך געקענט ר' אברהם הערש פון מיין יוגענד.

איין טאג האבן מיר געדאווענט מנחה און איך האב באמערקט עפעס א בחור שטייט אין ווינקל און זאגט תהלים. איך האב שוין געשמעקט אז ער איז גאר א נישט אפטער זאך, און כנראה א דערהויבענע בחור. ער האט געזאגט דעם תהלים מיט אזא מתיקות אז איך האב זיך באלד נאך געפרעגט ווער דאס איז, האט מען מיר געזאגט אז דאס איז אן אייניקל פון רבינו הסב"ק מרן רבי אלימלך מ'טאהש זי"ע. [ער איז אויך געווען אן איידעם פונעם אויבן דערמאנטן סוואליוועער רב זצ"ל, און ממילא האב איך אויך געהאט א ידיעה פונעם רבי'נס זיידע]. דער ערשטע איינדרוק איז געווען גאר שטארק, מען האט געזען אויפן רבי'ן אז ער איז אן עובד השם מיום הוולדו. און איך האב באלד מחליט געווען ביי מיר אז איך וויל האבן א שייכות מיט אים.

כנראה איז עס געווען כמים פנים אל פנים, ווי דער רבי האט מיר לאנגע יארן שפעטער דערמאנט. על כל פנים באותם הימים ווי עס איז געווען נעבעך הפקר ממש, און מען האט זייער שווער געקענט צוריקקומען צו זיך, אנצוהייבן דאס לעבן פון דאסניי, בין איך אריבער קיין נירעדהאזע, ווי דער רבי איז שוין אויך דארט געווען. מען האט מיר דארט געראטן חתונה צו האבן, און הרה"ח ר' הערש ארגעל ע"ה (פאטער פון הרה"ח ר' משה ארגעל ע"ה) האט מיר גערעדט א שידוך. ווען איך האב אים געפרעגט ווער ס'איז מיין ווייב'ס משפחה אויף ארויף, פון ווי זיי שטאמען, איז דער רבי זצ"ל דארט געווען אינעם זעלבן שול'כעל, און ער איז געשטאנען ביים בימה און צוגעלייגט א אויער צו יעדער ווארט וואס ר' הערש זאגט מיר, כדי זיך אויך צו אינטערעסירן ווי איך גיי דא אריין. דער רבי בכלל האט געזיכט ווי מען קען ראטעווען א אידישע נשמה, אבער אויף מיר האט ער ספעציעל געהאלטן אן אויג, אז איך זאל האבן די ריכטיגע כלים צו זיין אן עובד השם באמת.

## איז דער רבי געווען ביי אייער חתונה ?

דער רבי איז געווען שוין ביי מיין תנאים, און ביי די חתונה וואס איז פארגעקומען אין מאטא-סאלקא האב איך אים מכבד געווען מיט ברכה אחריתא. עס איז שוין טאקע אריבער היפש עטליכע יאר פון דעמאלטס, אבער איך געדענק גוט פון יענע צייטן, ווי מיר זענען געווען צוזאמען די הייפעלע אידן נע ונד. דער דשוינ"ט האט אוועקגעשטעלט אזעלכע קעמפ'ס, ווי הונדערטער משפחות האבן זיך צוזאמגענומען. כמובן זענען אבער נישט אלע קעמפ'ס געווען ערליך, אבער איך האב מיך ב"ה אייביג געטראפן אין א ערליכע אטמאספערע. מען האט אבער געוויסט אז מ'קען דארט נאר בלייבן צייטווייליג און מען דארף זוכן א לאנד וואס וועט אונז אריינגעמען אלס בירגער.

מיר זענען געווען א קבוצה פון 10 מענטשן, און צווישן זיי דער הייליגער רבי, מיט מיר, און הרה"ח ר' הערש ארגעל ע"ה, זיין זוהן הרה"ח ר' משה ארגעל ע"ה, הרה"ח ר' משה לייב ווייננבערגער ז"ל, הרה"ח ר' הערש אלימלך דים ז"ל, מיר האבן געזוכט צו פארן קיין אוסטראליע הערנדיג אז זיי נעמען אריין פרישע בירגער. איך מיט די אנדערע האבן זיך גענומען לערנען אומנות השחיטה, כדי אז מיר זאלן קענען האבן דארט צו עסן, נישט וויסענדיג וואס עס ווארט אונז אפ.

אבער מיר האבן געהערט איין טאג אז דער הייליגער רבי'ס ברידער הרב ר' חיים יוסף ארנשטיין ז"ל איז אין קאנאדע, און ער האט געשיקט פאפירן [א וויזא אד"ג] פארן רבי'ן זי"ע מיט זיין משפחה. מיר האבן נישט געוויסט וואס דאס "קאנאדע" באדייט בכלל, אבער מען האט דעמאלס אראנדזשירט אינעם קעמפ א מסיבת פרידה פאר'ן רבי'ן. דעמאלטס אינעם קעמפ "ווועלץ" האבן זיך אויפגעהאלטען טויזענט ערליכע משפחות, אבער ביים געזעגענעם האב איך מיך נישט געשפירט גוט און געבליבען אינעם באראק. נאך וואס דער רבי האט זיך געזעגענט מיט יעדעם האט ער געפרעגט "ווי איז הערש לייב", האט מען אים געזאגט ער איז געבליבן אין זיין היים, איז דער רבי געקומען צו מיר ממש געציילטע מינוטן פאר ער האט געדארפט אוועקפארן, און געזאגט "הערש לייב זיי געזונט, מען וועט זיך נאך באלד ווידער זען"!.

צומארגענס האב איך באגעגנט ר' שמשון קליין ע"ה [לימים א לאנג יעריגע מתפלל ביים רבי'ן אויף דזשין מענס] האט ער מיר מודיע געווען אז ער פארט שוין אויף קאנאדע און פאר $50 נעמט ער זיך אונטער מיר צו שיקן פאפירן. נישט וויסנדיג אין וואס איך לייג מיך אריין, אבער מיט די ידיעה אז דער הייליגער רבי וועט

זיין דארט, און מיט זיינע דיבורים אז מיר וועלן זיך באלד ווידער זעהן, האב איך אים געגעבן $50, און אויך געראטן פאר מיין שוואגער ר' משה שמואל פרידמאן ע"ה צו טון די זעלבע, כאטש דער עולם האט פון מיר אפגעלאכט, אז עס איז א חלום טוב פאר אזוי ווייניג געלט צו באקומען א ישועה.

ר' שמשון קליין ע"ה האט געהאלטן ווארט, און ביז עטליכע וואכן האב איך שוין געקענט אפפארן קיין מאנטריאל. אנקומענדיג אין מאנטריאל איז ער מיר אנטקעגן געקומען אין דער באן-הויף סטאנציע, און איך האב ביי אים איבער גענעכטיגט. צומארגענס נאכן דאווענען אין דער מתיבתא, וואס איז דעמאלס געווען אויף דזשין מענס, זעה איך פלוצלינג דער הייליגער רבי זי"ע אויף זיינע שטיגן. ער איז מיר אנטקעגן געלאפן און שלום געגעבן, זאגענדיג "איר וועט דאך אוודאי דאווענען ביי מיר", האב איך מיט גרויס רגש געענפערט "טאהשער רב! אויף דעם בין איך געקומען!".

## קענט איר ארויסברענגען אייער ארבעט ביים רבי'ן ?

זייענדיג דער גבאי אינעם שול אלע יארן שלא ע"מ לקבל פרס, האב איך געהאט די זכי' תמיד צוזאמצושטעלן דער מנין פארן רבי'ן, און אמאל אויפרוימען אויך. איך פלעג אין דער ערשטע יארן גיין יעדן זונטאג מיט הרה"ח ר' שלמה יעקב זילבער ע"ה צוזאמצושטעלן מעמדות פאר'ן רבי'ן. דער סדר איז געווען אז פון אינדערפרי זענען מיר ארומגעגאנגען אין די היימישע שול'ן, און איך געדענק אויך פערזענליך ארויפגיין צו עטליכע אידן אין שטוב, ובתוכם הגאון הרב הירשפרונג ז"ל, וואס האט שטענדיג געגעבן א שיינע נדבה כפי כוחו. נאך א לאנגע טאג האבנדיג צאמגעשטעלט 120$ זענען מיר ארויפגעקומען צום רבי'ן, ווי די רביצין האט שטענדיג געהאט אנגעגרייט לעקיך און בראנפן, און מיר האבן איבערגעגעבן די מעמדות פארן' רבי'ן זי"ע.

## האט איר מיטגעהאלטן מופתים ביים רבי'ן ?

זייענדיג באותם הימים גאנץ פארנומען מיט מיין ארבעט פון סקרע"פ מאטע"ל, און שפעטער אויך מיין שותפות אין די כשר'ע מילך, האב איך אבער אייביג געמאכט צייט ארויף צוגיין צום רבי'ן און אים העלפן בדברים העומדים על הפרק. אין ביזנעס האב איך מיר נישט געריכט אן זיך שואל עצה זיין מיט'ן רבי'ן. עס קומט מיר ארויף בזכרון ווי איך פלעג אים פרעגן תמיד צו איך זאל קויפן א ארדער פון סחורה, און דער רבי האט צוגעמאכט די אויגן, און געזאגט פלינקערהייט 'יא יא'. אמאל האט מיר געדאכט אז עס האנדלט זיך פון גוטע סחורה, און ביים אנפרעגן דער רבי האט ער מיר געזאגט "ניין ניין, קויף עס נישט - עס טויג נישט". איך האב אבער נישט געפאלגט ליידער, און איך האב ביי יענעם געשעפט דערלייגט אסאך געלט, דער מוכר - א גוי האט געהאט צוגעדעקט פארשימלטע זאכן מיט גוטס, ממילא האט דאס אויסגעזען ווי א גוט געשעפט, אבער דער הייליגער רבי האט דאס אלעס מרגיש געווען. און בכלל ביי יעדע נאמען געבן, און ביי יעדער שידוך האב איך מיך תמיד שואל געווען בדעת קדשו פונעם רבי'ן זי"ע.

זייענדיג ווי א בן בית ביים רבי'ן האב איך זוכה געווען מיטצוהאלטן אויך אומגלויבליכע ישועות. אמאל בין איך געשטאנען אויפן גאלערי אינדרויסן פונעם רבי'נס שטוב. קומט א מענטש צי צו מיר, און ער פרעגט מיר "ווי וואוינט דער טאהשער רב?" און מיט גרויסע בכיות דערציילט ער מיר די סיבה פארוואס ער זוכט דעם רבי'נס הילף. אלס אשכנז'ישער אפשטאמענדיגער און א שומר תורה ומצות, מיט א גרויס פאבריק פון אכציג מענטשן, וואס איז געווען צוגעמאכט שבת, האט ער נאר געהאט איין בן יחיד וואס איז תמיד געווען גאנץ גוט, אבער לעצטנס האט ער זיך פארליבט אין א שקצה רח"ל און ער וויל חתונה האבן מיט איר, און ס'איז אים געווען ממש ווי א שפיז אין הארץ, און ער קען נישט דערהייבן אזא זאך, אז מיט זיין גרויס ערליכקייט און מסירות נפש, וועט ער נישט איבערלאזן קיין ערליכע דורות. און מען האט אים געראטן אז ער זאל קומען צום טאהש'ער רבי'ן. [דער רבי איז דעמאלטס געווען א אינגערמאן פון 28 יאר!].

נאכדעם וואס ער איז אראפגעקומען פונעם רבי'נס שטוב, האט ער מיר געזאגט אז דער רבי האט נאר געהאט איין איינציגסטע עצה פאר אים, אז דער זון אליין זאל אריבערקומען צום רבי'ן, וואס ביי אים האט דאס אויסגעזען ממש כרחוק מזרח ממערב.

מיט עטליכע טעג שפעטער קומט ער ווידער צוריק אז דער זון וויל נישט קומען, זאגט אים דער רבי "איך קען אייך גארנישט טוהן, איך וועל מתפלל זיין אז ער זאל יא וועלן קומען!". מיט א וואך צווי שפעטער איז דער זון געקומען צום רבי'ן, און דער הייליגער רבי האט זיך מיט אים איינגעשפארט אליינס פאר "איינס און א האלב שעה" ווי קיינער איז נישט דארט געווען חוץ זיי. ווען ער איז ארויסגעקומען איז ער ממש געווען ווי א צוקאכטער, און ער האט חתונה געהאט ב"ה מיט א היימישע מיידל און אויפגעשטעלט א שיינע אידישע שטוב!.

## וואס האט באדייט דאס אויפבויען דאס שטעטל ?

דער הייליגער רבי זי"ע, וואס מיר האבן נישט משיג געווען, האט אין די כ' יארן שטארק אנגעהויבן צו קלערן וועגן בויען א שטעטל מחוץ לעיר. חוץ וואס מען האט געדארפט האבן פאר דעם 'בויען פראיעקט' א הון רב, האט דאס 'אויפהאלטן אזא שטעטל' אויך געדארפט קאסטן גאר אסאך. דער רבי האט אנגעהויבן צו אפרעכטען נסיעות ארום די וועלט ווי הרה"ח ר' בנימין זאב זוסמאן ז"ל איז געווען ממש זיין רעכטע האנט. דער רבי האט אויך געזוכט גרויסע הלוואות פון פאנטאסטישע סכומים. עס זענען געווען גרויסע נגידים דא און שטאט וואס האבן געשריגן אז 'מען זאל נישט פארבארגן פארן רבי'ן קיין איין גראשן פאר דעם צוועק, עס וועט זיכער דורכפאלן!'.

דער רבי האט אבער מיט גרויס סייעתא דשמיא פארשאפט א גרויסע הלואה פון די רעגירונג, און דאס האט געגעבן פאר די פראיעקט א שטופ. איך האב מיך נישט אריינגעמישט אלס חשש לדברי המלעיגים. דער רבי האט אבער יא געוואלט הערן מיינע מיינונגען, און האט אנגעדרייט אז איך זאל ארויספארן און זוך אומקוקן אויף די ערשטע געבויטע בנינים, נאך איידער דער רבי האט זיך אהין געצויגן.

# הלכה פראקטיש

בעזהשי"ת מאנסי נ.י. תע"א — שנת ת'קום ש'כינתך פ'דינו ו'הצילינו לפ"ק

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

בסימן טוב ובמזל טוב

אודה לה' בכל לבב על כל החסד אשר גמלנו
שהחיינו וקימנו והגיענו ליום שמחת כלולת בני היקר

הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק
כמר **מרדכי אלכסנדר יו"ט ליפא** שליט"א

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה בש"ק
מרת **שרה פערל** תחי'
בת מחותני כש"ת הה"ג רבי **אלעזר דוד קאהן** שליט"א
מו"ץ בקרית **טאהש**
בן הרב הגה"צ המפורסם **אבדק"ק סענדזשארץ** שליט"א
וחתן ש"ב הה"צ המפורסם **אדמו"ר מהאדאס** שליט"א

שתתקיים ברצו"ה בשעה טובה ומצלחת למזל טוב
**ביום שני לסדר "ויהי ברכת השם בכל אשר יש לו בבית ובשדה" (וישב)**
**אור ליום י"ט כסלו תשפ"ו לפ"ק**

קבלת פנים בשעה 6:15 והחופה בשעה 7:15
**בקרית טאהש קאנאדא יצ"ו**

והננו בזה להזמין את קרוביי וידידי לבוא ולהשתתף ולקחת חבל ביום שמחתינו
ואי"ה בשמחת צאצאיכם נשוב לכם כגמולכם הטוב, זכות אבוה"ק זללה"ה יגן עלינו
ועל כל המשתתפים בשמחתינו להתברך בכל מילי דמיטב ונזכה לביאת גו"צ בב"א

דברי המחכה לקראת בואכם לשלום
**ישראל יצחק אייזיק לאבין**
בהה"צ רבי **אלכסנדר יו"ט ליפא** זצ"ל בהה"ק מרן רבי **נפתלי צבי** זצוק"ל **מזידיטשוב**

---

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים — על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

מזל טוב

נודה לה' בכל לבב על כל החסד אשר גמלנו שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
והננו מתכבדים בזה להזמין בקריאה של חיבה את אע"כ אהובינו קרובינו
וידידינו שיחיו לבוא לקחת חבל בשמחת כלולת בתנו היקרה

הכלה הבתולה המהוללה
מרת **שרה פערל** תחי'

עב"ג הבחור החתן המו"א בתוי"ש
הרב **מרדכי אלכסנדר יו"ט ליפא** שליט"א

בן מחותני הרה"ג מוה"ר ישראל יצחק אייזיק לאבין שליט"א
בן הרה"צ רבי אלכסנדר יו"ט ליפא זצ"ל, מזידיטשוב
חתן הרה"ג ר' יקותיאל משה שמחה שליט"א, נכד בעל תורת יקותיאל

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שני לס' ואשר הוא עושה ה' מצליח (וישב)
אור ליום י"ט כסלו שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:15 והחופה בשעה 7:15

**באולם בית צירל**
קרית טאהש יצ"ו

ואי"ה ביום שמחתכם ובמועדיכם ישמח לבי גם אני בל"נ
ובזכות אבוה"ק זצוקללה"ה יעזור הש"ת שיושפע משמחתינו שפע רב ורב ברכות
וישועות לנו ולכל ישראל ובא לציון גואל בב"א

ידידכם המחכה לקראת בואכם לשלום
**אלעזר דוד קאהן**
בלאאמו"ר הגה"צ אבד"ק סענדזשארץ שליט"א
וחתן הגה"צ אבד"ק האדאס שליט"א

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

---

ל

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת על כל החסד אשר גמלנו
כה יתן ה' וכה יוסיף לנו, ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו
באנו בזה להזמין את מעלת כבודכם להשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **זאב ארי הכהן** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
מרת **הינדא פריידא** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת בשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ויהי ברכת ד' בכל אשר לו" (וישב)
אור ליום כ"א כסלו תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם Dec. 10)

קבלת פנים בשעה 5:00 והחופה בשעה 6:00 בדיוק

**באולם בית צירל**
251 Rue Beth Halevy, Boisbriand QC J7E 4H4

הורי החתן
יצחק אליעזר לאנדאוי ובי"ב
ספרינג וואלי יצ"ו

הורי הכלה
ישעי' אשר זעליג ראטענבערג ובי"ב
קרית טאהש יצ"ו

---

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

און ווי מיר אלע זעהן היינט האט דער הייליגע רבי געהאט גאר א ווייטער בליק, און האט געזען מיט זיינע לעכטיגע אויגן אז מען קען דאס יא דורכברעכן. בדרך אגב ווייס איך אז דער רבי איז באותם הימים געפארן אויף סקווירא און צוגעטראגן צום סקווירא רבי'ן זצוק"ל $5000, א סכום גדול, וואס איז געווען דעמאלטס ממש כמים קרים על נפש עיפה, וויבאלד דער סקווירא שטעטל האט זיך דעמאלטס געפונען אין א שווערע מצב. דאס איז געווען דער הייליגער רבי זי"ע, אפילו ווען עס איז אים געגאנגען גאר שווער האט ער אלץ געטראכט פון אנדערע.

אזא נאנטער מענטש קען דאס אודאי דערציילן א גאנצע נאכט, אבער צום שליס קענט איר עפעס איבערגעבן א פערזענליכע מופת?

איך בין אמאל ביי מיין ארבעטס פלאץ אראפגעפאלען פונעם שטאק נעבען דעם טראק. עס האט אויסגעזען גאר קריטיש, אבער ב"ה איך האב "נאר" צובראכן עטליכע ריב'ס פון מיין רוקן. מען האט מיר אהיימגעשיקט פון שפיטאל זאגענדיג אז דאס דארף זיך היילן אינדערהיים. דער הייליגע רבי איז דעמאלטס געווען אין אמעריקע. מען האט אבער געקלינגען מזכיר זיין. נאכן אהיימקומען בין איך געלעגען אין בעט, און איך האב געהאט גאר אסאך באזיכער'ס, פרייטאג פארטאגס זייענדיג זייער צובראכן פון מיין מצב, האב איך איינגעדרימעלט פאר עטליכע מינוט. איך האב געזען ווי א איד מיט א הדרת פנים [וועם איך האב נאך קיינמאל נישט געזען] קומט און זאגט צו מיר "זארג נישט, מיין אייניקעל פייש וועט דיר קומען אנווינטשן א רפואה שלימה, און דו וועסט געזונט ווערן". ווי נאר איך עפען אויף מיינע אויגן זעה איך דער הייליגע רבי זי"ע ווי ער שטייט נעבן מיין בעט, האב איך אים גלייך דערציילט דער חלום און אים אויסגעמשל'ט די צורה פון דעם מענטש, האט ער מיר געזאגט אז אזוי האט אויסגעזען דער הייליגע זיידע, רבינו הסב"ק רבי אלימלך זי"ע. דער רבי האט מיר געווינטשן און ב"ה איך האב געהאט א גאנצע ערהוילינג.

ובכן אזוי ווי דער הייליגע זיידע רבינו הסב"ק זי"ע איז אים געשטאנען צו דער האנט, וועט דער הייליגע רבי זי"ע, אויך שטיין ווייטער צו אלע זיינע תלמידים הקרויים בנים, וואס קלאמערן זיך ווייטער אין זיין הייליגע וועג, תחת דגלו ונשיאותו פון בנו חביבו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, אז מיר זאלן אלע דערלעבן געזונטערהייט, אנטקעגן צו גיין משיח צדקינו, ומלכנו בראשינו במהרה בימינו אמן.






# במקהלות

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש - קריתינו הק':

## יערליכע דינער פארגעקומען פארגאנגענעם מוצש"ק

פארגאנגענע מוצש"ק ויצא איז פארגעקומען די יערליכע דינער לטובת התלמוד תורה בית יודא אין קריתינו הק', אין די זאלן פון בית צירל, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודת מלוה מלכה. דער יושב ראש מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו האט מיט זיין לשון לימודים געעפענט די מעמד, און אויפגערופן הר"ר לייב פריעדמאן הי"ו מחשובי הורי מוסדותינו הק', איבערצוגעבן די ווארט פון די עלטערן, וועלכע האט מיט התפעלות אראפגעלייגט פון אייגענע ערפארונג וואסערע געטרייע ארבעט די חשוב'ע מלמדים און מנהלים לייגן אריין אין די תלמידים.

דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש דברי אלקים חיים פון כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסד, וועלכע האט אנגעוואונשטן ווארימע ברכות פאר אלע תומכים ומשתתפים, ארויסברענגענדיג די חיוב וואס ליגט אויף אונז צו טון דאס מערסטע וואס מיר קענען פאר אונזערע קינדערלעך מיט מסירת נפש, כדי עס זאל טאקע אויפגעצויגן ווערן בנים למקום יראים ושלמים.

דערנאך האט דער רבי איבערגעגעבן א הערליכע סידור פאר אלע תומכים מיט גרעסערע סכומים, באגלייט מיט ווארימע ברכות קדשו.

דערנאך האט מען געהערט די הערליכע דרשה פון הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, חבר הנהלת המוסדות, וועלכע האט ארויסגעברענגט די נקודה אז מיטן זיך צושטעלן צו די מוסדות, מיט א כח האחדות, נאר אזוי וועט מען זעהן די מערסטע הצלחה אין אלעם. באגלייט מיט זכרונות וסיפורים מימי קדם.

די גאנצע ציבור איז געזעצן צוגענאגלט ביים רייכן פאנעל, ווי מוה"ר מאיר מרדכי הי"ו האט געפרעגט די שאלות, וועלכע זענען געענטפערט געווארן דורך 4 וועטעראנע מלמדים בהתלמוד תורה, הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו, הרב זעליג ראטטענבערג הי"ו, הרב יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו, און הרב אברהם לייב ראזענבוים הי"ו.

תלמוד תורה עטרת משולם פייש - מאנסי:

## רייכע מסיבה פאר אנ"ש

## אברכי מאנסי

א גאר רייכע אווענט איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם דינסטאג וישלח אויפדערנאכט אינעם בנין המוסדות, ספעציעל געאייגענט פאר די צעירי האברכים דקהילתינו הקדושה פון שטאט מאנסי, לטובת די הייליגע טאהש'ע אימפעריע וואס בליעט און וואקסט לשם ולתפארת אין שטאט.

די מעמד איז פארגעקומען אינעם גרויסן טאג פון די הילולא קדישא פונעם הייליג'ן בת עין זי"ע. צום אלעם ערשט ווען מען איז אנגעקומען האט מען געהאט די מעגליכקייט אביסל ארום צוגיין אינעם בנין המוסדות, צו צוזעהן אביסל פון דער נאנט די הערליכע אימפעריע.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צו א גאר רייכע סעודה, וואס איז נתנדב געווארן דורך ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו הרה"ח ר' יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו גבאי נאמן דקהילתינו הק' קרית יואל.

צום ערשט האט גענומען דאס ווארט העסקן הדגול מו"ה אליעזר קרויס הי"ו שליח המוסדות, וואס האט געעפענט די נאכט מיט זיין לשון לימודים, און באגריסט די אלע חשובע אינגעלייט וואס האבן זיך אנגעשטרענגט, און געקומען ווייזן שטיצע פאר'ן הייליג'ן רבין'ס מוסדות.

דערנאך האט אויפגעטרעטן די נואם הכבוד הרב ישכר בער לייפער שליט"א, וואס האט גאר שטארק ארויסגעברענגט די חוב קדוש און די גרויסע זכי' פון ארויס העלפן די הייליגע רבין'ס מוסדות, ווי די ציבור האט געשלינגען מיט דארשט זיינע רייכע ווערטער אנגעפילט מיט הערליכע רעיונות און סיפורים.

צום לעצט איז פארגעקומען א פאנעל מיט העסקן הדגול מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו, איבער די פעולות המוסדות פון ביז אהער, און אביסל פון אונטער די קוליסן די ווייטער'דיגע פלענער פון מוסדותינו הקדושים. דערנאך האט זיך אפגעשפילט א מחזה הוד ווי די חשוב'ע משתתפים האבן זיך אנגערופן מיט סכומים הגונים לטובת די מוסדות, און אהיים גענומען טייערע מתנות.

וברם יזכר לטובה די חשוב'ע אנשי שלומינו וואס האבן ברצונם הטוב מנדב געווען דיסקאונט און זייערע געשעפטן פאר אלע תומכי 'דורותינו'. הלא המה: הרה"ח ר' יחזקאל שרגא סטראלאוויטש הי"ו פון די בארימטע גלויבער'ס קליידער געשעפט, מו"ה ישראל האלפערין הי"ו פון די בארימטע אינפינעטי שיך, מו"ה יואל האס הי"ו פון די בארימטע ווין אן 59, מו"ה מאיר ראטה הי"ו און פאר זיין מיט ארבעטער מו"ה ישראל קרויס הי"ו פון די בארימטע מלכות פירמע.

עס איז צום האפן אז די אלע תומכי המוסדות זאלן געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות האמורים בתורה בזכות רביה"ק זי"ע וואס די מוסדות איז נקראת על שמו.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

וישלח - תשפ"ו לפ"ק

## מיטוואך פר' ויצא

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר מאיר סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה. נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

פארנאכטס האט דער רבי באשיינט מיט בגדי שבת דעם קבלת פנים פון הכלה נכדת רביה"ק זי"ע, בת הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א, בן כ"ק אדמו"ר מ'חוסט שליט"א וחתן כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, עב"ג החתן יצחק אייזיק סג"ל קרויס נ"י ממצויני תלמידי ישיבתינו הק', בן הרה"ג ר' ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בתלמוד תורה, אין די זאלן פון בית צירל אין קריתינו הק'.

דער רבי האט געטרינקען לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, באדעקט די כלה, און מכבד געווען גיסו הגדול דער זיידע כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א מיט סידור קידושין.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל, און באשיינט די אויבן אן א לענגערע צייט, אנשי שלומינו זענען אריבער וואונטשן מזל טוב, און זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה בבית צדיקים.

דערנאך האט דער רבי געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און געהויבענע מחותנים און זיידע'ס שליט"א.

## דאנערשטאג פר' ויצא

ביינאכט האט דער רבי אנטייל גענומען ביים מסיבה מיוחדת לטובת התלמוד תורה בית יודא דקריתינו הק', אין שטוב פון הרבני החסיד ר' אהרן קרויס הי"ו ראה"ק דקהלתינו הק'. דער רבי האט מפאר געווען בראש המסובין, און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות פאר אלע תומכים ונדיבים, פאר די הנהלת התלמוד תורה און פארן בעל אכסניא.

## שבת קודש פר' ויצא

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער וואונטשן 'א גוט שבת'.

◇

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה בהיכל הכולל, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן יצחק אייזיק סג"ל קרויס נ"י. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די בחורים, אזוי אויך האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו זאגן דברי תורה פארן רבי'ן.

שפעטער ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן ור"מ בישיבה קטנה, הרה"ח ר' ישראל בנימין סג"ל לאוווען הי"ו, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ח ר' אברהם יושע קליין הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר יעקב נחמי' סג"ל לאוווען הי"ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר אברהם מרדכי זילבער הי"ו לרגל די יארצייט פון זקינתו ע"ה, שיר המעלות הב' חיים (בן הרה"ג ר' יוסף ישכר בער) סג"ל טירנויער נ"י תלמיד ישיבה גדולה. שבח נותנים מוה"ר שלמן זלמן ברוך קליין הי"ו פון מאנטריאל.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מו"ה אלימלך ניימאן הי"ו, און פון בן הנולד צו מו"ה צבי הירש כ"ץ הי"ו חתן הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, און געוואונטשן לחיים פאר די בעלי שמחה און זיידע'ס ובני משפחה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג.

דער רבי איז צוגעגאנגען צום שמחת השבע ברכות פון הכלה נכדת רביה"ק זי"ע, בת הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א, אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט

געמאכט א לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן די בעלי שמחה ובני משפחה ברכות לרוב, בפרט פאר גיסו הגדול כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א.

⬥

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו, שחרית האט געדאווענט דער מחותן הרה"ג ר' ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בת"ת.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מו"ה צבי הירש כ"ץ הי"ו, לוי כ"ק אדמו"ר מ'חוסט שליט"א, שלישי הרה"ג ר' יושע ניימאן שליט"א ר"מ בישיבה גדולה, רביעי מוה"ר אלימלך ברמ"א קרויס הי"ו פון מאנסי, חמישי הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, ששי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שביעי מו"ה משה לייב בר"א קרויס הי"ו, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, אזוי אויך האט דער רבי געגעבן די נאמען לבת הנולד צו מו"ה נחום דוב ווייס הי"ו. אחרון החתן יצחק אייזיק סג"ל קרויס ני"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ. הגבה הב' פנחס יוסף בערגער ני"ו, גלילה הב' ארי' ב"ר יואל סאנדעל ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

כ"ק אדמו"ר מ'חוסט שליט"א איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' משה אפרים גליק הי"ו פון וומסב"ג.

⬥

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' מרדכי רפאל טעללער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מוה"ר פייוול ראזענוואסער הי"ו פון וומסב"ג, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן ור"מ בישיבה קטנה, שיר המעלות הב' אלימלך זכרי' סאקס הי"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⬥

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מו"ה יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו. די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ג רבי אליעזר ליפא כהנא שליט"א ראה"כ ספינקא א"י, לוי הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א, שלישי מו"ה נחום דוב ווייס הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מוה"ר זיידא ישראל חיים (בר"י) סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ, הרה"ג ר' יושע ניימאן שליט"א, מו"ה צבי הירש כ"ץ הי"ו, מו"ה נחום דוב ווייס הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'חוסט שליט"א, שיר המעלות הב' יעקב יוסף שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. מיט די שבע ברכות פון החתן הרב יצחק אייזיק סג"ל קרויס שליט"א זענען מכובד געווארן כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, הגה"צ אב"ד זאבליטוב שליט"א, הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, הרה"ג ר' ישעי' סג"ל קרויס שליט"א, ברכה אחריתא אדמו"ר מ'זוטשקא קראקאס שליט"א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, און נאך מעריב געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ"ד הגדול, דערנאך איז דער ציבור אריבער וואונטשן א גוטן חודש א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה הרב אברהם אביש סג"ל טירנויער שליט"א פון בארא פארק, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה משולם זושא לאקס הי"ו פון פלעטבוש.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'חוסט שליט"א און אב"ד זאבליטוב שליט"א צו פארציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

⬥

נאך קבלת קהל האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים דינער השנתי לטובת התלמוד תורה בית יודא דקריתינו הק' אין די זאלן פון בית צירל, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, און פארטיילט סידורים פאר די נדבנים ותומכים הגונים.

שפעטער האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת השבע ברכות, פאר החתן בן הרה"ג ר' ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בת"ת, עם בת הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, צוגעשטעלט דורך רבינו שליט"א, פארעקומען בביתו נאוה קודש. דער רבי האט באשיינט די שמחה, געוואונטשן לחיים פארן חתן ומחותנים און זיידע'ס ובני המשפחה.

## זונטאג פר' וישלח

ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת השבע ברכות, צוגעשטעלט דורך דער זיידע כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, פארגעקומען אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מפאר געווען בראש המסובין, געטרינקען און געוואונטשן לחיים פארן חתן ומחותנים און זיידע'ס ובני המשפחה.

## מאנטאג פר' וישלח

ביינאכט האט זיך דער רבי געוואשן צום סעודה לכבוד די יומדהל"ק פונעם הייליגן בת עין זי"ע, אינאיינעם מיט בניו וחתניו, בביתו נאוה קודש. מיט ברהמ"ז האט דער רבי מכבד געווען בנו הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א.







# קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת וישב =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק וישלח | דף טז: | דף יג. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף יז. | דף יג: | דף קכט: | דף קכז. |
| מאנטאג | דף יז: | דף יד. | דף קל. | דף קכז: |
| דינסטאג | דף יח. | דף יד: | דף קל: | דף קכח. |
| מיטוואך | דף יח: | דף טו. | דף קלא. | דף קכח: |
| דאנערשטאג | דף יט. | דף טו: | דף קלא: | דף קכט. |
| עש"ק | דף יט: | דף טז. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויחי
חבורת ז' עמודים - ב. - כג:
חבורת ה' עמודים - קכג. - קלה.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 41 פון די מעין מעניו.

יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

## וואס איז די הלכה

# מיט א איחוד מעמבער?




קה אכסוף נועם שב"ת המתאמת ומתאחד"ת

**פאר א איחוד מעמבער**
**קומט זיך איינס בחנם**

די נייע הערליכע ספר "וואס איז די הלכה - הלכות שבת - באידיש", צוזאמגענומען פון די רייכע גליונות "באור החיים" מדור "ביאור הלכה" שי"ל ע"י האיחוד.

ווערט א מעמבער פאר **$360**

יעדער צאלט מעמבערשיפ · יעדער וויל זיין א חלק דערפון ·

איחוד
מעמבערשיפ דרייוו
פאראייניגט. פארבינדן. פארשטערקערט.

NUAH 845.513.0001